STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01133

www.libtool.com.cn

# YISROEL PARTIZAN

Yuri Suhl

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Bernard & Harriet Maddy*
*in memory of*
*Dora Oshinsky Hordies, Hyman Hordies & The Oshinsky Family*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG
www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

מ. א. סול

# ישראל פארטיזאן

(פּאָעמע)

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „סיגנאַל"
ניו־יאָרק, 1942

www.libtool.com.cn

Copyright, 1942
By YURI SUHL
New York, N. Y.

369

www.libtool.com.cn

געווידמעט מיינע טייערע פריינט: דר. סאָל גינזבערג,
זיין פרוי כאַשע און זייער חנוודיק טעכטערל קעראָל.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

## 1

ישראל בעל־עגלה, אַזוי האָט ער געהייסן,
ווי ר'וואָלט אינגאַנצן גאָר קיין צווייטן נאָמען ניט געהאַט.
בּאַ די פּני'פון שטעטל, אַ גראָבער יונג, אַ שמייסער,
בּאַ די בעל־מלאכות, אַ גוט־ברודער, אַ גאַש־בּראַט.

— כ'בּין אַ טאַטע פון צוויי קינדער און אַ פערד, —
האָט ער ליב געהאַט אַ ווערטעלע צו וואַרפן.
— מילא, זיך אַליין האָב איך אײַנד'רערד,
נאָר די פּיקערס מײַנע, — אַהאַ, זיי באַדאַרפן! . . .

— ס'איז ביטער דעם געמיינעם
און ס'איז וואויל דעם זאַטן,
וויאָ, פערדעלע, וויאָ,
אַ רוח אין דיין טאַטנס-טאַטן. —

ר'האָט קיינמאָל ניט געכאַפּט בּאַם רבּין קיין שיריים,
און ר'איז געווען שטומפּיק ווי זיין בּייטש אויף חומש־רש"י,
נאָר געזאָגט האָט מען אין שטעטל אַז ער האָט אַ פּאָר ידים
וואָס לאָזן זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע.

און קינד־און־קייט האָט שוין געוואוסט די מעשה —
(און מן־הסתם האָט יעדער צוגעלייגט אַ קנייטל) —
אַז אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט אַ ווייסער,
ווען ס'האָט דער פראָסט פאַרצויגן אויפן פעלד אַן אייזיק הייטל,

האָט ישראל מיט זיין וואָגן דעם וואַלד אַדורכגעשניטן, —
און געפירט האָט ער אַ סוחר צום יאַריד, —
פלוצלינג דינען צוויי גזלנים אַנגעריטן
און באַפוילן: — סטאָי, פּאַרכאַטע זשיד!

אין העלער נאַכט אַנטקעגן פראַסטיקער לבנה
האָט אַ בּליאַסק געטאָן אַ מעסער פאַר די אויגן.
איינעם האָט ישראל מיט אַ פויסט דערלאַנגט אין פּנים,
האָט דער צווייטער גיך אין טויט־שרעק אַפּגעצויגן.

www.libtool.com.cn

אויפצומאַרגנס האָט אין שטעטל זיך געקאַכט ווי אין אַ קעסל,
און די מעשה האָט פון מויל־צו־מויל זיך אומגעטראָגן,
דער גאַנצער יאַריד האָט זיך פאַרקליבן אינעם געסל
וואו ישראל בעל־עגלה איז געשטאַנען מיט זיין וואָגן . . .

מ׳האָט באַטאַפּט אים די ידים און מיט פראַגן אים פאַרמאַטערט: —
— וואָס־זשע פאַרט ישראל איז געוואָרן פונם ערשטן?
— כ׳ווייס, האָט ער אַ צי געטאָן די אַקס תמעוואַטע,
— כ׳האָב מן־הסתם געמאַכט אים אויפן אויג אַ גערשטן.

דערביי האָט ער אַן ערנסט פנים אָנגעצויגן
און די הענט געפּרואווט פאַרשפּילן מיט די לייצעס,
נאָר באַלד האָבן צעלאַכט זיך זיינע שווער־באַברעגטע אויגן,
און ס׳האָבן פון געלעכטער אַזש געטרייסלט זיך די פּלייצעס.

נאָר דערוואוסט האָט מען זיך שפּעטער פון אַן אַלטן פויער,
אַז מ׳האָט דעם בר־מנן שוין שטילערהייט באַהאַלטן,
אַז געוועזן איז דאָס אַ ריז מיט פּלייצעס ווי אַ מויער,
און אַז ישראל האָט אים מיט איין זעץ אָוועקגעלייגט אויף קאַלטן.

www.libtool.com.cn

## 2

און מען דערציילט אַז אַמאָל אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס,
ווען אין שול האָט מען געהאַלטן פּונקט באַ לכה־דודי,
האָט אַ ציגל געטאָן דורכן פענצטער אַ קראַך,
און געפאַלן אויף די טרעפּ פון אָרון-קודש.

און אַ צווייטער, און אַ דריטער, און אַ פערטער
האָט די שויבן מיט אַ בראַזג צעשמעטערט.
אויף די ליפּן פון די דאַוונער האָבן איינגעגליווערט ווערטער,
און פאַרשוואונדן זיינען אותיות פון סידורים־בלעטער.

און קולות שפּיזיקע ווי אַ געבריל פון חיות,
און קולות אַנגסטיקע פון אימה און פון שרעק,
ווי ס׳וואָלט זיך אויסגעמישט אַ חתונה מיט אַ לויה,
און געטאַנצט אַרום דעם מת מיט בראָנפן און מיט העק.

האָבן פון דערוויַטנס צום בית־מדרש זיך דערטראָגן
און פון שבתדיקן יום־טוב תשעה־באָב געמאַכט.
האָבן אידן ניט געוואוסט צי זאָל מען תהילים זאָגן,
צי זאָל מען זיך גאָר גרייטן פאַר אַ שלאַכט.

נאָר אינמיטן אַנגסט-שרעק און אינמיטן דער יללה
האָט זיך עמעצער צום עולם אויף אַ קול געווענדט.
ס׳האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן: ישראל בעל-עגלה —
האָבן אויפגעהעלט צוויי ווערטער — צוויי דערלייזנדיקע הענט.

זיינען די צוויי ווערטער דורך דער שול אַדורכגעפלויגן
ווי טויבן צוויי, וואָס ברענגען גוטע בשורות פון דער וויַט,
האָט אַ האָפענונג זיך צעפלעמלט אין פאַרשטאַרטע אויגן,
האָט אַ טרער אַ שטראָם געטאָן פאַר פרייד.

www.libtool.com.cn

און עס האָבן באַלעבאַטים מיטן שמש זיך גע׳עצהט,
און אויף גיך זיך שטיל גע׳עצהט מיטן רב,
און געבליבן איז אַז אויף ישראלס ברייטע פּלייצעס
זאָל מען איצט אַרויפלייגן דעם גאַנצן תשעה-באָב.

האָט דער שמש מיט דער האַנט געטאָן אַ זעץ אינעם בעלעמער:
— אידן! האַלט זיך רואיק! מאַכט ניט קיין בהלה!
איינער פון בית־מדרש מוז זיך אונטערנעמען
צו לויפן גלייך מודיעה זיין ישראל בעל־עגלה.

האָבן גלייך געמאָלדן זיך צוויי וואָלונטירן —
בערל דער לאַטוטניק און זעליק זיין געזעל,
מ׳האָט אַרויסגעלאָזט זיי דורך אַ הינטער־טירל
און באַפוילן: גיכער! שנעל!

איינער צום שענק, דער צווייטער איז צום טייך אַוועקגעלאָפן
און ס׳איז די שרעק זיי נאָכגעלאָפן ביידן.
סוף־כל־סוף האָט מען באָם וואַסער אים געטראָפן,
פונקט ווען ר׳האָט דער שקאַפּע אויסגעקעמט דעם ווײדל.

באַם שייך פון דער לבנה ׳טער דאָס פערדל זיינס געשקראַבעט,
און באַוואָרפן עס מיט קללות אָן אַ שיעור: —
— זאָלסט אַננעמען, מאַן שקאַפּעניו, אַ פינצטערע כאַראָבע,
און זאָל זיך אויף דאַן ציגעלע שוין זעצן אַ געשוויר.

— קימסטי צי אַ בערגל — קריגסטי די טשעכאָטע,
נאָר הובער שליגסטי טאַקע נאָר ווי נוך אַ קרענק.
אַ גאַנצע וואָך זיך אויסגעוואַלגערט אין דער בלאָטע,
און ס׳איז בישטו אַפילו אויף אַראַנציגיין אין שענק.

— אַי, ס׳איז ביטער דעם געמייגעם,
און ס׳איז וואויל דעם זאַטן.
פּרררדר. כאַליערע — סטאַי!
אַ רוח אין דאַן טאַטנס־טאַטן.

www.libtool.com.cn

און דאָס פערדל עפּנט אַ פּאָר אומשולדיקע ווייסלעך,
ווי ניט אים גאָר מיינט מען, נאָר אַן אַנדער פערד,
און עס ענטפערט מיטן וויידל: — שוין אַן אַלטע מעשה —
שוין געהערט, ישראל, שוין געהערט.

פלוצלינג האָט אַ קול די שטילע לופט צעפּראַלט,
ווי ס'וואָלט אַ שטיין אַ פליאָסק געטאָן דעם טייך.
— גיכער! ישראל! בית־מדרש! באַפאַלט!
האָט זעליק קוים אַרויסגעפּרייכט.

און נאָך עפּעס האָט זעליק סאָפּענדיק געזאָגט,
נאָר מער האָט שוין ישראל ניט געהערט.
ער ווייסט שוין, אַז מ'רופט אים, איז אַ סימן אַז מ'שלאָגט,
האָט ער גיך אַ כאַפּ געטאָן דאָס פערד.

אָט אַזוי ווי ר'איז געשטאַנען ביז די קני אין וואַסער,
די הויזן די צעלעכערטע פאַרקאַטשעט ביז די קני,
אָט אַזוי ווי ר'איז געשטאַנען, אַ באָרוועסער אַ נאַסער,
האָט ער דאָס פערדל פונעם טייך געטאָן אַ צי.

דאָס פערדל האָט דאָס ציימל איינגעביסן,
געפּיענעט פונם מויל און מיט די ציין געקריצט.
ישראל האָט מיט בעל־עגלהדיקע וועטרער צוגעשמיסן,
און פון די שטיינער האָבן פונקען אַזש געשפּריצט.

www.libtool.com.cn

## 3

ווי עס האָט אַ הויז אַ קעלער,
האָט אַ שטאָט אַ קעלער־גאַס.
ס׳איז די גאַס פון בעל-מלאָכות,
ס׳איז די שוסטער־שניידער־גאַס.

דאַכט זיך מענטשן גלייך ווי אַלע,
טאַטע־מאַמע, באָבע־זיידע,
שוועסטער־ברודער, חתן־כלה,
נאָר ווי אַנדערש ז׳דאָ דאָס לעבן —
גאָר אַן אַנדער קלאַס.

ס׳לויפן קינדער אום דאָרט באָרוועס,
מיט אַן אומעט אין די אויגן,
ס׳זיינען הייזעלעך דאָרט חורבות —
קרום און איינגעבויגן.

דאָרטן טשאַדעט פונעם אויוון,
דאָרטן קאַפּעט פון דער סטעליע,
דאָרטן וואוינט דער דלות
מיט זיין נויט-קאַפּעליע.

דאָרטן האָט געוואוינט ישראל,
אין אַ שטיבל האַרט באַ דר׳ערד,
נאָך מיט שמייסער, בעל־עגלות,
נאָך מיט טרעגער און קצבים,
האָרעפּאַשניקעס ווי ער.

www.libtool.com.cn

4

אַט אַזוי מכמה יאָרן
טרעפט זיך עס יאָר־איין, יאָר־אויס —
פּלוצלינג טוט אַ בלינדער צאָרן
אויף דער גאַס אַ פּלייץ אַרויס.

ס'איז דער פּאָרשפּיל מיט אַ ציגל
אין די שויבן פון אַ קראָם.
און דער צאָרן פּלייצט אַריבער
צום בית־מדרש, צו די שטיבער,
ביז עס ווערט שוין אַ פּאָגראָם.

אין אַ שבת, אין אַ זונטיק,
אין אַ דאָנערשטיק באַטאָג.
קיינער ווייסט ניט ווען עס קען
די בייזע שעה דאָ טאָן אַ שלאָג.

נאָר אַז זי שלאָגט, איז ווי עס וואָלטן
טויזנטער גלעקער זיך צעקלונגען,
און די ערשטע צו דערהערן
איז די קעלער־גאַס פון שטעטל
מיט די שוסטער־שניידער יונגען.

מיט הוילע הענט, מיט שטאַבעס און מיט ברעטער,
מיט שטעקענעס, מיט ריסקאַליעס, מיט לאָמען,
לויפט די קעלער־גאַס צו ראַטעווען דאָס שטעטל,
לויפט די קעלער־גאַס צו לעשן די פּאָגראָמען.

www.libtool.com.cn

5

ווי עס פליט א רייטער
איבער פרייע סטעפעס,
האָט זיך איצט ישראל
צו דער קעלער־גאַס געטראָגן,
און ווער עס וואָלט אַצינדערט
אים אין וועג פאַרטשעפעט,
וואָלט ער שוין געהאַט
אַ צענטן צו פאַרזאָגן.

ס'זיינען שטיבלעך נידעריק דאָרט,
און די פענצטער בײַ דער ערד,
איז ישראל איצט אַפילו
ניט אַראָפּ פון פערד.

ר'איז געשווינד פאַרבײַגעפלויגן
מיט אַ קלאַפּ אין יעדן שויב:
— צום בית־מדרש! צום בית־מדרש!
האָט מען זיך געטאָן אַ הויב:

— צום בית־מדרש! צום בית־מדרש!
ס'האָט געציטערט אַז דאָס גלאָז.
האָט מען צום בית־מדרש
זיך געטאָן אַ לאָז.

ס'האָט דערוויילע אין בית־מדרש
שוין געהאַלטן זייער שמאָל,
ס'האָבן קינדער שוין היסטעריש
זיך צעכליפּעט אויפן קול,

ס'האָבן אָנגעהויבן קרעכצן
די זאַוויעסעס אויף דער טיר,
און אַ יעדער זעץ אינדרויסן
האָט געטראָפן אין געהיר.

www.libtool.com.cn

ס׳האָבן אידן מיט די פּלייצעס
צו דער טיר זיך צוגעשפּאַרט.
מ׳איז געווען אויף אַלעם גרייט שוין,
מ׳האָט געהאָפט בלויז און געוואַרט.

און ישׂראל איז געקומען
און די קעלער־גאַס געבראַכט,
— צו דער אַרבעט, חברה,
האָט ישׂראל הויך באַפוילן,
און קאָמאַנדעוועטש די שלאַכט.

ס׳האָט געהאָגלט שטיינער,
ס׳האָט גערעגנט ציגל,
מ׳האָט געשפּיגן ציינער,
מ׳האָט מיט בלוט געשפּיגן.

ס׳איז געווען ישׂראלן גרינגער
צו דערלאַנגען פונעם פערד,
האָט ער פליִנק אַרומגעריטן
און געקאָטעוועט, געשניטן,
און געטראַמפּלט צו דער ערד.

די קעלער-גאַס האָט יענע נאַכט שוין ניט געשלאָפן,
נאָר געהיט איעדן שאָטן מיט פאַרדאַכט.
ישׂראל איז אויפן פערד אַרומגעלאָפן,
ווי ס׳לויפט אַרום אַ קאָמאַנדיר בעת אַ שלאַכט.
געזאָגט האָט מען אַז ס׳וועט אים גאָט ניט שטראָפן,
ווייל ר׳האָט אַ גאַנצע שטאָט באַוואַכט.

---

www.libtool.com.cn

נעכט זיינען געקומען און נעכט זיינען פאַרגאַנגען,
נאָר יענע נאַכט איז לאַנג פון שטאָט נאָך ניט אַוועק,
זי האָט געוואַלגערט זיך אין שענקן
צווישן שיכורע געזאַנגען,
און זיך פאַרשטעלט אויף ציגל, אויף מעסער און אויף העק.

באַטאָג איז זי געגאַנגען פראַנק־און פריי שפּאַצירן
און זיך באַהאַלטן אין די שטרענגע וואָנצעס באַם זשאַנדאַר,
באַנאַכט האָט זי געקלאַפּט באַ אידן אין די טירן
און דעם שלאָף צעריסן מיט אַ פינצטערן קאָשמאַר.

www.libtool.com.cn

## 6

אין אַ דאָרף דאַנעבן
האָט געלעבט אַ פּויער,
האָט ער געהאַט צוויי זין —
שטאַשעק און סטעפּאַן.
האָט קאָרטוז-בערעזע
אויף די זין געלויערט,
און עס האָט זיי תמיד
געזוכט די פּאָליציי.
געוואוסט האָט יעדער איינער
אַז ניט פֿאַר קיין גנבה,
נאָר פֿאַר אַ „פֿאַרברעכן"
וואָס מען רופט: פּאַרטיי.

עס האָט דערזעלבער פּויער
געהאַט אַ זון אַ דריטן,
האָט ער געהייסן יאַנעק —
אַ בלאָנדין אַ ריז —
האָט קאָרטוז־בערעזע
זיין לעבן יונג פֿאַרשניטן,
נאָכדעם ווי ס'האָט געכאַפּט אים
אַמאָל די פּאָליציי.
געוואוסט האָט יעדער איינער
אַז ניט פֿאַר קיין גנבה,
נאָר פֿאַר אַ „פֿאַרברעכן"
וואָס מען רופט: פּאַרטיי.

האָבן זייִנע ברידער
אַ שבועה דאַן געשוואוירן
קיינמאָל ניט צו רוען,
נאָר צו אַרבעטן ביז וואַן
עס וועלן אין די דערפֿער
וויסן אַלע פּויערים
פֿאַרוואָס מען האָט דערהרגעט
זייער ברודער יאַן.

www.libtool.com.cn

מען האָט געשיקט סאָלדאָטן
די פויערים צו שמייסן,
און ס'האָט געמאַכט אַבלאַוועס
אויף זיי די פּאָליציי.
געוואוסט האָט יעדער איינער
אַז ניט פאַר קיין גנבה,
נאָר פאַר אַ „פאַרברעכן"
וואָס מען רופט: פּאַרטיי.

ניט איינמאָל האָט געטראָפן
אַז פון דער הויט דער העלער
איז אויף אַ פערד אַ ברוינעם
אין שטעטל אָנגעלאָפן
איינער פון די ברידער,
סטאַשעק, צי סטעפּאַן,
און אָנגעזאָגט באַצייטנס
אַז מען זאָל זיך גרייטן
ווייל עס אַרבעט מעשים
פאָלטשוק דער כוליגאַן.

האָבן פרומע אידן
געזאָגט אַז דאָס איז טאַקע
— אַ נס מן־השמים
אַן אצבע אלוקים,
אַז ס'האָט גאָט געשיקט אונדז
די רפואה פאַר דער מכה,
דאָס איז אַ קול פון אויבן,
דאָס איז פון אים אַ שטים,
און אַז די צוויי ברידער —
דאָס זיינען ניט קיין גוים —
מלאָכים צוויי פאַרשטעלטע,
מלאָכים זיינען זיי. —
געוואוסט האָט יעדער איינער,
אַז ניט קיין צוויי מלאָכים:
דאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען —
דער פּאַרטיי.

www.libtool.com.cn

## 7

ניט איינמאָל האָט געטראָפן,
אַ זונטיק, צי אַ חגא,
עס קלינגט דער גלאָק אין קלויסטער,
ווי ר'וואָלט געקלאַפּט טרעוואָגע,
און עס קלינגען מאָדנע
הייבט די קלויסטער־קלאַנגען —
מיט אַ בייזן ברומען
מיט אַ יעמערלעך געוויין.
אויב דאָס האַרץ איז ביז איצט
אין שרעק זיך ניט צעגאַנגען,
וועט דאָס האַרץ זיך זיכער
באַלד אין שרעק צעגיין.

זיינען הייבט אין שטעטל
פויערים פאַראַנען, —
פון די נאָענטע דערפער
קומען זיי אַהער.
עפּעס איז אַן אומרו
הייבט אין זייער שפּאַנען,
עפּעס איז די לופט הייבט
אָנגעצויגן שווער.
זעען טויזנט־פּאַכיק
איצטער דיינע אויגן,
און ס'הערט טויזנט־פאַכיק
איצטער דיין געהער.

www.libtool.com.cn

און די גלעקער וואַרפן
אַן אויף דיר אַ מורא,
בלייבט מען אַזוי הילפלאָז
באַ די קראַמען שטיין.
לויפן־דורך געדאַנקען:
איינפּאַקן די סחורה,
צי אפשר וועט עס גלאַטיק
הײַנט אַריבערגיין.

פּלוצלינג הערט אינגאַנצן
דער קלויסטער אויף צו קלינגען,
נאָר אין אַלע אויערן
הילכט נאָך אָפּ זײַן לעצטער,
אַנגסטיקער אַקאָרד.
ווי ער וואָלט איצט זאָגן
צו די אַלע פּויערים: —
איך האָב שוין פאַרענדיקט,
איצט האָט איר דאָס וואָרט.

www.libtool.com.cn

## 8

וויפל פונקען דאַרף אַ שייער,
ווען ר'איז אָנגעפּראָפּט מיט שטרוי,
אַז ס'זאָל אויסברעכן אַ פייער
און צעפלאַמען זיך אַזוי,
אַז עס זאָל דער בראַנד פאַרכאַפּן
אַלע שייערס פון אַרום ?

וויפל וואונקען דאַרף אַ פויער,
וואָס איז אָנגעגליט פון צאָרן,
ווייל ער ווייסט מען ליגט אין לויער
אויף זיין ווייץ און אויף זיין קאָרן,
און עס ליידיקט אויס זיין שייער
סיי דער פריץ, דער דער שטייער,
און מען רויבט בא אים די עופות,
און מען רויבט בא אים די פי,
און מען לאָזט אים בלויז דעם אַקער,
און מען לאָזט אים בלויז די מי.

צי עס האָט דער גלח
אין זיין יום־טוב־דרשה
די פויערים צעוואָרעמט.
צי פאַלטשוק דער כוליגאַן
האָט זיי צערייצט.
סיי ווי סיי האָט ווי אַ פערד
אַ ראָספּפּאַלאָשעטס
אַווילדער צאָרן דורך דער שטאָט
געטאָן אַ פלייץ.

ס'איז גענוג עס זאָל בלויז איינער
אַ געשריי טאָן: זשיד דאָ פּאַלעסטינע!
הויבן אָן צו פליען שטיינער,
הויבט דאָס בלוט שוין אָן צו רינען.

## מ. א. טול

www.libtool.com.cn

פלוצלינג זעט מען סטאַשעקן,
און מען זעט סטעפּאַנען
און אַט איז נאָך אַ פּויער
צו זיי צוגעשטאַנען,
און אַ צווייטער און אַ דריטער און אַ פערטער,
און זיי שלאָגן זיך מיט פויסטן,
און זיי שלאָגן זיך מיט ווערטער,
און עס טוען נייע כוחות
צו דער קעלער-גאַס אַ שטראָם.
מיט ישראל בעל־עגלה
זייט־בײַ־זייט און האַנט־אין־האַנט
קעמפן אויפגעקלערטע פויערים,
קעמפן סטאַשעק און סטעפּאַן,
און מען האַמעוועט דעם צאָרן,
און מען לעשט אָפּ דעם פּאָגראָם.

זאָגן פרומע אידן:
ס'איז אַ נס מן־השמים,
ס'איז אַ קול פון אויבן,
ס'איז אַן אצבע־אלקים, —
און אַז די צוויי ברידער
זײַנען ניט קיין גוים —
מלאָכים צוויי פאַרשטעלטע,
מלאָכים זײַנען זיי.
נאָר ס'ווייסט שוין יעדער איינער,
אַז ניט קיין צוויי מלאָכים —
דאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען
דער פּאַרטיי.

www.libtool.com.cn

9

צווישן באַלעבאַטים,
צווישן שיינע אידן
איז רב חיים ראַזמאַרין
געווען אַ שיינער איד.
דאָס ווייב די אשת־חיל
האָט געפירט די שניט־קראָם,
געפאָרן אויף יאַרידן
און איינגעקויפט די סחורה,
און ער איז יום־ולילה
געזעסן אין בית־מדרש
און געלערנט תורה.

האָבן זיי געהאַט אַ קינד אַן איין־און־איינציקס,
האָט מען אים געפּיעשטשעט,
טאַקע גאָר ווי אַ בן־יחיד,
פאַרשטייט זיך, אַז מ׳דאַרף
פאַר שלמהלען זיך זאָרגן,
אַז ער זאָל, חלילה,
ניט זיין קיין בעל־מלאָכה.

שלמהלע דער קלוגער,
שלמהלע דער שטילער,
געזאָגט האָט מען אין שטעטל
אַז ער וואַקסט אַן עליו.
אויף די יונגע פּלייצעס,
אויף די שמאָלע אַקסל,
האָט ער שוין געטראָגן
דעם עול פון לערנען תורה,
דעם עול פון דינען גאָט;
און דעם טאַטנס רצון,
און דער מאַמעס ווילן,
ט׳ער געהאַלטן הייליק
ווי די צען געבאָט.

www.libtool.com.cn

צו דרייצן האָט דער טאַטע
צום רבין אים גענומען,
און אים געלערנט כאַפּן
פון רבינס טיש שיריים.
ס'איז געווען געגוג שוין
בלויז אַרויסצוזאָגן: —
שלמהלע רב חיימס.

צו פערצן ט'אים געגעבן
רב חיים צו פאַרשטיין,
אַז פון די קינדער־שיכלעך
איז ער אַרויסגעוואקסן,
און אַז ער דאַרף שוין טראָגן
גאָר אַן עול אַ נייעם
אויף די יונגע פּלייצעס,
אויף די שמאָלע אַקסל.
ער האָט מיט אים גערעדט
פון עפּעס אַ ישיבה,
אין אַ ווייטער שטאָט,
און שלמהלע האָט איינגעווילקט,
ווייל דעם טאַטנס רצון
'טער געהאַלטן הייליק
ווי די צען געבאָט.

די מורא פאַר דער פרעמד
האָט ער אין זיך באַהאַלטן,
און צו פערצן זיך געלאָזט
אין ווייטן וועג אַליין.
דער טאַטע 'טזיך געזעגנט
שטרענג און איינגעהאַלטן,
די מאַמע 'טזיך געזעגנט
מיט אַ נחתדיק געוויין,
און ס'איז צו דער באַן
געקומען אים באַלייטן —
דער רב אַליין.

www.libtool.com.cn

10

און ווען עס האָט די נייעס
אין שטעטל זיך פאַרשפּרייט
אַז אָט-אָט, און שלמה
קריגט אויף רב שוין סמיכות,
האָבן באַלעבאַטים
פון נאָענט און פון ווייט
געוואָלט זיך אַזאַ איידים
איינקויפן אין יחוס.

פּלוצלינג! ווי עס וואָלט
אַ דונער אים געטראָפן,
געטראָפן האָט דעם טאַטן
אַ לשון־קודש בריוול —
עס האָט אַ מיאוסע מעשה
מיט שלמהן זיך פאַרלאָפן,
האָט מיט צער געשריבן
אים דער ראָש־הישיבה.

דער טאַטע האָט פאַר כעס
אַ שמיץ געטאָן דאָס בריוול,
די מאַמע האָט פאַר ווייטיק
געבראָכן זיך די הענט,
געשיקט האָט מען אים לערנען
אַבּאַיי און עקיבא,
שלעפּט ער זיך אַרום גאַר
מיט עפּעס אַ סטודענט.
און וואָס איז דאָ צו ריידן —
ס'איז אַז אָך און וויי —
דער קאָפּ איז אים פאַרטשאַדעט
מיט ביכלעך כלעריליי.

www.libtool.com.cn

רב חיים האָט געשוויגן
און די באָרד געגלעט,
ווי ר׳וואָלט זיינע געדאַנקען
בלויז דער באָרד פאַרטרויט:
טאַקע נאָר ווי ס׳וואָלט
אַריין אין אים אַ שד,
גיכער וואָלט ער זיך
געריכט אויף אים דעם טויט.

נאָר אין אַ טאָג אַ שיינעם
איז אַ בריוו געקומען,
אַ בריוו ווי אַ מגילה
פון שלמהלען אַליין —
— ער האָט ניט קיין חרטה,
ער בעט ניט קיין מחילה,
ער האָפט בלויז אַז עס וועלן
טאַטע־מאַמע אים פאַרשטיין.

— די דרכים פונעם לעבן
זיינען שטאַרק פאַרשידן,
און יעדער האָט אַ רעכט
זיין אייגן לעבן פירן,
ער בלייבט ווי אַלעמאָל
אַ איד צווישן אידן,
ניט מער — ער פאַרט קיין ווין,
ער פאָרט אַהין שטודירן.
— אַנשטאָט אין דער ישיבה
בײַ דעם גמרא־בלאַט,
וועט ער אין ווין זיך גרייטן
צו זיין אַן אַדוואָקאַט.

www.libtool.com.cn

און כאַטש ער האָט דעם בריוו
ווי אַלע מאָל געחתמעט:
— פון אייער זון דעם טיף געטרייען
שלמה ראַזמאַרין —
איז ער שוין ניט געווען
שלמהלע רב חיימס,
עס האָט געשמעקט מיט פרעמדקייט —
עס האָט געשמעקט מיט ווין.

www.libtool.com.cn

11

די צייט האָט אויסגעווישט דער מאַמעס טרערן
און איינגעזאַפּט דעם צער פון טאַטנס בליק.
און אַז שלמה האָט געזאָלט אַן אַדוואָקאַט שוין ווערן,
האָט מען זיך געוואונטשן אַז ס׳זאָל זיין מיט גליק.

ווי אויף עפּעס אַ בייז־וואונדער
ז׳מען געלאָפן אים באַקוקן, —
ווי זעט ער אויס — ווי גייט ער אָנגעטאָן —
ער טראָגט ניט מער קיין פּיאות
און קיין טונקעלן באַלאַט,
דאָס פּנים אויסגעבלייכט און איידל —
אָפּראַזירט און גלאַט.
ער הייסט שוין מער ניט שלמה,
ער הייסט שוין סאָלאָמאָן —
דער אַדוואָקאַט.

און ס׳האָבן באַלעבאַטים
צו רב חיימען אַצינדערט
אַוועקגעשיקט שדכנים אויפדאַסניי,
און דער גרעסטער גביר פון שטעטל
האָט געוואָלט אים פּאַר אַן איידים
און געוואָלט אים עפּענען
אַ גרויסע קאַנצעליי.

www.libtool.com.cn

און פּלוצלינג איז געוואָרן
אויס מיט די שידוכים!
מ'האָט גענומען פון אים ווייכן,
ווי מ'וויכט פון איינעם
וואָס אַנטלויפט פון זיין אמונה.
— סאָלאָמאָן דער אַדוואָקאַט
איז אַנטלאָפן פון זיין קלאַס!
— מיט יעדן שניידער־יונג אַ פּאַניע־בראַט
— אַ גאַנצער שמעלקע מיט דער קעלער־גאַס.

און טאַקע נאָר ווי ס'וואָלט אַריין אין אים
אַ דיבוק, צי אַ קללה —
ר'איז געוואָרן א בן־בית
באַ ישראל בעל־עגלה.
און מ'האָט געזען אים שוין אַפילו
אין דאָרף ניט ווייט פון דאַנען
מיט פּויערים אין וועלדל,
צוזאַמען מיט סטעפּאַנען.

ביז איינמאָל האָט געזוכט אים
אינדערהיים די פּאָליציי,
און געוואוסט האָט שוין איעדער
אַז ניט פּאַר קיין גנבה,
נאָר פּאַר אַ „פּאַרברעכן"
וואָס מען רופט: פּאַרטיי.

די מאַמע האָט געבעטן
די באָבע זאָל זיך מיען,
דער טאַטע האָט אַ זאָג געטאָן:
פּאַרפאַלן און אַן עק!
און ר'האָט ניט מער געוואָלט
פון שלמהן קיין ידיעות,
פונקט ווי ר'וואָלט אויף אייביק
פון דער וועלט אַוועק.

www.libtool.com.cn

12

ישראל בעל־עגלה, סטאַשעק און סטעפּאַן,
און סאַלאָמאָן דער אַדוואָקאַט צווישן זיי,
ס'איז עפּעס אַ מהלך, ס'איז עפּעס אַ שפּאַן —
פון אַבאַיי און עקיבא ביז אונטערערדישער פּאַרטיי.

און מיט יעדן נייעם גילגל אין זיין לעבן
האָט זיין נאָמען זיך געביטן אויפדאַסניי —
פון שלמהלע אויף סאַלאָמאָן, פון סאַלאָמאָן אויף שלמה,
און ישראל האָט אַ צווייטן נאָמען אים געגעבן
און שטילערהייט גערופן אים: שלמה די פּאַרטיי.

ווייל פונקט ווי ר'האָט אַמאָל מיט גרויס התמדה
געלערנט די גמרא, געלערט דעם משניות,
און איז אויפגעשטאַנען לערנען מיטן ערשטן העגער־קריי,
אַזוי איז ער אַצינד געוווען באַלאַדן
מיט דער הייליקער אחריות —
מיטן שווערן עול פון דער פּאַרטיי.

וואו געבענטשט — דאָרטן ניט געטאָגט,
און וואו געטאָגט — דאָרט שוין ניט געבענטשט,
עס האָבן שפּיקעס נאָך זיין שאָטן זיך געיאָגט,
און יעדן שפּאָן זיינעם פאַרדעכטיקט.

געוווּסט האָבן געציילטע בלויז דאָס אָרט
וואו ער איז אין דעם און דעם מאָמענט,
און ניט איינמאָל ט'מען דעם צונג ניט אָנגעטרויט דאָס וואָרט, —
ט'מען געגעבן זיך אַ צייכן מיט די הענט.

און ניט איינמאָל האָט זיך שלמה שוין פאַרשטעלט
פאַר אַ איד אַ למדן מיט אַ לאַנגער באָרד־און־פּיאות,
וואָס שוועבט אַרום אין עפּעס גאָר אַן אַנדער וועלט,
און איז פאַרטיפט גאָר אין אַ בלאַט משניות.

www.libtool.com.cn

13

ישראל בעל־עגלה ז'ביט געווען קיין פּאַרטייער,
כאָטש שטאָלצירט האָט ער דאָמיט וואָס עס געטרויט אים די פּאַרטיי.
— וואָל ווי קים עיך, האָט ער געזאָגט — אַ פּראָסטער חי־וקים —
צו מענטשן הויכגעבילדעטע ווי זיי.
אַז אַלץ וואָס עיך פאַרמוג איז אַ פור אַזערנע ידים
און אַ קאָפּ פון קליאָטשע און פון היי —
נאָר געוואוסט האָט יעדער איינער, אַז ער וואָלט געגאַן אין פייער,
ווען עס שיקט אים די פּאַרטיי.

און אַז מ'האָט אים געלאַדן צו פאַרזאַמלונגען געהיימע,
פלעגט ער תמיד פון די סאַמע ערשטע זיין,
און שלמהן פלעגט ער אָפּגעבן דעם ברייטן יישר־כוח:
— אַפילו עיך, אַזאַ בהמה —
אַזאַ פערדישער מוח
קען דיך אויך פאַרשטיין.
דערווײַלע, ברידערל, איז ביטער דעם געמיינעם,
נאָר ווי זוגסטע — איביק קען אזוי נישט זיין!

און ניט איינמאָל ז'ער געזעסן אויפן וואָגן שטאַרק פאַרקלערט,
ווי ר'וואָלט פאַר אַלצדינג זוכן אַ באַשייד,
ווי ר'וואָלט אינמיטן פעלד אַצינד דערהערט
שלמהס פראָסטע, איבערצייגנדיקע רייד,
און אויפן קול געטאָן אַ ברום צום פערד,
ווי ער וואָלט וועלן אַז דאָס פערד זאָל אויך פאַרשטיין
אַז דאָס אַלעס פירט צו אײנעם, —
אז איביק קען אזוי ניט זיין
און אַז אין אַ טאָג אַ שיינעם
וועט ווערן אויס מיט פריצים און מיט פּאַנעס,
נאָר דערווײַלע —
דערווײַלע, שקאַפּקעלע, איז ביטער דעם געמיינעם
און סאיז וואויל דעם זאַטן.
וויאָ! פערדעלע, וויאָ!
אַ רוח אין דיין טאַטנס־טאַטנס־טאַטן!

www.libtool.com.cn

## 14

ס'איז געווען אַ טאָג אינמיטן זומער,
ס'האָט דער טאָג גערעדט אויף שפּראַכן אַלערליי,
ס'האָט די לופט געעררדט מיט ריחות
און דאָס פעלד מיט בלומען,
און די בלומען מיט אַ בינען־זשומעריי.

ס'האָבן ווינטעלעך געהיימע
מיט די גראָזן זיך געשושקעט
אויף דער שפּראַך פון ווינטל־שושקעריי,
פון אַ באַרג דאַנעבן האָט אַ קוועלכעלע געפּליושקעט
מיט אַ קוואַלנדיקן פּלאַפּלעריי.

ס'האָט דער וואַלד גערעדט מיט שאָטנס,
ס'האָט דער וואַלד גערעדט מיט ביימער,
און די ביימער מיט אַ פויגל־טשוויטשעריי,
און ישראל בעל־עגלה האָט גערעדט אַצינד מיט שלמהן —
מיט שלמהן דער פּאַרטיי.

— הערסטו, שלמה, וואָס איך על דיר זוגן, —
און טאָמער רעד איך נאַרישקייטן האָב ניש קאָ פּאַריבל,
וואַל די ווייסטאָך אַז איך בין אַ פּראָסטער בעל־עגלה, —
נישט איינמול זיצנדיק אַזוי־אַ אַפן וואוגן,
צי באַנאַכט אין בעט באַ מיר אין שטיבל,
טראַכט איך:
נאָך מיט מזל וואָס איך האָב אַ פור ידים,
וואָס קענען אַנכאַפּן אַ זעקל מעיל באַם גאַרגל
און עס אופּטרוגן פון דאַנען ביז קאַן סטרי,
פינדעסטוועיגן — קימט ציגיין דער שבת, דאַרף מען באַרגן
אין מ'הייבט נישט און צי וויסן ווי.
ווילעך זאָלסט מיר ענפערן די פּראַגע —
אַט אַזוי צעווישן מיר אין דיר —
וויפל איז דער שיר זיך פּלאַגן,
וויפל איז דער שיר ?

www.libtool.com.cn

— איך הער די רעדסט אַמאָל פֿין מאַרקסן,
דעם דאַטשן איד מיט דער באָרד אין מיט די גרויסע ברעימען,
צי פינגם רוסישן גאַי — ווי הייסט ער — לענין,
אין פין די איבעריקע, ווי די ריפסט זיי, באָלשעוויקעס —
וואוס זוגן זיי?
ווי לאַנג נאָך דאַרף אינזער שטיקל לעבן
זאַן אַזוי פאַרדוסט אין פאַכאַנדריקעט?

שלמה האָט אים אויסגעהערט געדולדיק,
און מיט פּראָסטע ווערטער אים געגעבן צו פאַרשטיין
אַז קאַרל מאַרקס און לענין האָבן זיך פאַרנומען
טאַקע נאָר מיט דעם,
און אַז אין דעם אַלץ איז שולדיק
די פאַרשאָלטענע סיסטעם, —
און אַז די רעוואָלוציע וועט אויסברענגען דאָס שלעכטע
און אויסגלייכן דאָס קרומע,
נאָר תמיד מוזן מיר געדענקען,
אַז זי האָט שוין אַזאַ טבע, די רעוואָלוציע,
אַז זי וועט פון זיך אַליין ניט קומען.

— ווייל זי איז ניט פון די פאַניענקעס
וואָס גייען לייכט שפּאַצירן:
מען דאַרף זיך, ברודערל, מטריח זיין
און זי ברענגען ביז אין שטוב אַריין צופירן.
און ניט מיט יעדן קומט זי אָן בשלום,
ווייל ניט מיט יעדן האָט זי ליב צו גיין.
ס'איז ניט גענוג צו זען זי בלויז אין חלום:
מ'דאַרף זיין גרייט פאַר איר זיך מקריב זיין.

www.libtool.com.cn

— דו און איך און סטאַטשעק און סטעפּאַן,
דאָס פֿאָלק דאָס אָרעמע, די אַרבעטער און פּויערים,
ווען מיר אַלע האַלטן זיך צוזאַמען ווי איין מאַן,
האָבן מיר פֿאַר קיינעם ניט קיין מורא.
אָט דאָס איז וואָס עס לערנט די פּאַרטיי,
און דאָס איז קאַרל מאַרקסעס תּורה.

און ישׂראל בעל־עגלה האָט אַ צי־געטאָן די פּלייצעס,
ווי אייגענער רעדט: גערעכט, גערעכט —
טאַקע זייער וואוילע עצות,
נאָר דערוויילע, ברודערל, איז שלעכט,
דערוויל איז ביטער דעם געמיינעם
און ס׳איז גוט דעם זאַטן.
— וויאָ, פֿערדעלע, וויאָ,
אַ רוח אין דיין טאַטנס־טאַטנס־טאַטן!

www.libtool.com.cn

15

און ס'איז געווען אַ טאָג אין האַרבסט
מיט אַ פרילינגדיקן וועטער,
די זון איז מילד און העל,
דער הימל לויטער ווי אין מאַי,
אַ ווינט לויפט אום פון בוים צו בוים און טוט אַ רויש:
— אַ בוים, דו שטאַרבסט!
און טוט א פליק די בלעטער.

און עס קאַרטשעט זיך דער בוים,
ווי ר'וואָלט געווען אין ווייען,
און בלעטער קלאַמערן זיך אָן די צווייגן,
און צווייגן רוישן ווי זיי וואָלטן צו די בלעטען שרייען:
לאָמיר האַלטן זיך צוזאַמען!
לאָמיר האַלטן זיך צוזאַמען!

נאָר דער ווינט האָט זיך אַריינגעביסן
אין די בלעטער־שטאַמען,
האָט דער בוים מיט געלע בלעטער זיך צעווייגט.
ס'איז געווען אַ טאָג אין האַרבסט,
נאָר די זון האָט פרילינגדיק געשיינט.

ישראל איז פון ערגעצוואו אַהיימגעפאָרן —
דאָס פערד האָט שוין פון זיך אַליין געוואוסט דעם וועג,
און שטענדיק שוין געטראָפן גלייך צו זיך אין שטאַל —
האָט ער פאַר יוצא־וועגן בלויז
פון צייט־צו-צייט אַ הויב געטאָן די לייצעס
און מיט דער בייטש געטאָן אַ קנאַל.
און דאָס פערדל, ווי ביט אים גאָר מיינט מען,
איז פאַמעלעך זיך געקראָכן,
און ישראלן איז אַצינד געקומען אויפן זינען
דאָס גאַנצע שטיקל לעבן אינעם שטעטל,
און געטראַכט האָט ער —
אַז אָט אַזוי־אָ פאַלן זיי די טעג און וואָכן —
ווי פון בוים אַראָפּ די געלע בלעטער.

www.libtool.com.cn

די בלעטער בליען כאַטש און לעבן אײדער זײ פּאַרוויאַנען,
נאָר מיר דאָ וויאַנען לעבעדיקערהייט.
אַך — ווען מ׳קען אַנטלויפן וואו פונדאַנען —
אַנטלויפן ערגעץ ווייט.

דער טאָג האָט אָנגעהויבן צאַנקען מיט אַ פלאַמענדיקער שקיעה,
דער וועג אַהים האָט אויך שוין אָנגעהויבן צאַנקען,
און ישראל האָט געוואָלט אַז ס׳זאָל דער וועג זיך ציען נאָך און ציען,
און אַז קיינער זאָל אים איצט ניט איבערשלאָגן די געדאַנקען.

ער האָט דערמאָנט זיך אַז ניט איינמאָל
בא פאַרזאַמלונגען געהיימע
האָט שלמה די פאַרטײ מיט האַרץ און פלאַם גערעדט
פון אַ לאַנד וואָס איז געוואָרן אַזוי נאָענט אים און היימיש,
פון אַ לאַנד וואָס הייסט — סאָוועט.

סאָוועט, סאָוועט, — וואָס זאָל עס באַדייטן ?
ער האָט דאָס וואָרט גענומען אויפן גומען
און אַרומגעטאַפּט עס אין געדאַנק פון אַלע זייטן.
און טאַקע נאָר ווי פון דער לופט אַרויס
זיינען שלמהס ווערטער איצט צו אים געקומען
און אים געגעבן אַ באַשייד :
סאָוועט, דאָס איז אַ לאַנד אַזאַ
פון אַרבעט און פון פרייד.

אַ לאַנד וואו דו און איך און סטאַשעק און סטעפאַן,
איעדער פויער און איעדער אַרבעטס־מאַן
צעטיילט זיך מיט דער ברכה פונעם פעלד
און מיט דער שפע פון פאַבריק,
און קיינער גייט דאָרט ניט אין שפּאַן
ווי דו, ישראל בעל־עגלה,
און ס׳איז ניטאָ קיין פריץ און קיין פאַן,
און ס׳איז די אַרבעט די קיין קללה.

www.libtool.com.cn

ביטאָ דאָרט קיין פּאַלטשוקעס, קיין פּאָגראָמען,
דאָרט דאַרף מען פאַרן לעבן ניט קיין גומל בענטשן,
ווייל אַלע מענטשן זיינען דאָרט מיט מענטשן גלייך
און אידן זיינען גלייך מיט אַלע מענטשן.

דאָס שטעטל איז געלאָפן אים אַנטקעגן
מיט שטיבעלעך פון ברעטער און פון ליים,
און ער האָט גאָר אינגאַנצן שוין פאַרגעסן
אַז ער פאָרט אַהיים.

ווייל אים האָט זיך גאָר אויסגעדאַכט אַצינד
אַז עס פליט זיין פערד און וואָגן
באַך געשווינדער פונעם ווינט,
און אָט קומט ער צו אַ גרענעץ
און ער טוט אַ יאָג פאַרביי
און עס טוען אַלע וועכטער
שרייען איין געשריי:
האַלט! איך שיס!
און אים אַרן ניט די וועכטער,
און ער הערט זיי ווי דעם דייטש,
און ער טוט אַ צי די לייצעס,
און אַ קנאַל די בייטש —
גיכער, שקאַפּע! הייב די פיס!
און ער יאָגט זיך איבער פעלדער,
ווי אַ רייטער אין גאַלאָפּ,
און ער פליט אַריין קיין מאָסקווע,
און ער שטעלט זיך אָפּ,
און ער שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן
און ער טוט צו דר׳ערד אַ פאַל,
ווי אַ מענטש אַ דורשט־פאַרברענטער
צו אַ פרישן וואַסער־קוואַל,
און ער טוט אַ גלעט די שטיינער,
און ער טוט אַ קוש די ערד,
און ער זאָגט צו אַלע מענטשן אויף אַ קול:

www.libtool.com.cn

— נאָט אַך אָפּ מאָן וואוגן,
נאָט אַך אָפּ מאָן פערד,
נאָט אַך מאָגנע שטאַרקע צוויי ידים,
עיך וועל האַקן שטיינער,
עיך וועל האַקן האָלץ,
עיך וועל טרוגן אַ זאַק בולבעס
פין דאָנען קאָן פידאַיעץ,
אָבי צו קענען זוגן — און זוגן שטאָלץ:
עיך בין אַ מענטש מיט מענטשן גלאַך,
צווישן אַלעמען — אַ איד אַ פרייער.

די זון האָט דעם הימל
ווי מיט פייערדיקע שפיזן דורכגעשטאָכן
און דערנאָך הינטערן באַרג געטאָן אַ פאַל.
און דאָס פערדל האָט געשלעפט זיך און געשלעפט זיך
און דערקראָכן
ביז אַהיים — צום שטאָל.

www.libtool.com.cn

16

סעפּטעמבער 1938.
נאַכט.
דאָס שטעטל שלאָפט, ישראל כראָפּעט.
זיין שלאָף איז שווער און האַרט ווי זיינע הענט.
ער ווייסט ניט אַז מען מינעוועט איירפּע,
אַז מען מינעוועט דעם גאַנצן קאָנטינענט!

מען הערט ניט קיין טרומייטער־שאַל,
מען הערט נאָך ניט קיין טאַנק-געבריל,
מען הערט ניט קיין קאַנאָנען־קנאַל. —
ס'איז שטיל.

די קויל איז נאָך אין לופע,
די שווערד איז נאָך אין שייד,
סאָלדאַטן שלאָפן נאָך אין די באַראַקן,
גרענעץ־וועכטער גנבהנען אַ דרימל בײַ דער וואַכט.
מען וועבט אַצינד די נעץ פון זיסע שלום־רייד —
מען גרייט שוין די אַטאַקע,
מען גרייט שוין צו די שלאַכט.

סעפּטעמבער 1938.
נאַכט.
הערצער שלאָגן האַסטיק.
מוחות זיינען וואַך.
באַם זילבער שיין פון דער לבנה,
הויך איבער די וואָלקן־קריעהס,
פליט דער שירעם־מאַן צום וואַנצע־מאַן
און פירט אים אַ מתנה,
און פירט אַ לאַנד אים צו דער תליה.

www.libtool.com.cn

סעפּטעמבער 1938.
נאַכט.
הערצער שלאָגן האַסטיק.
מוחות זײַנען אָנגעצונדן, וואַך.

אויפן שוואַרצן טיש פון מינכען
ליגט אייראָפּע אויסגעשפּרייט —
אַ קראַנקער קאָנטינענט,
אָפּגעצערט, פאַרמאַרעט און פאַרבלײַכט:
אַזויפיל מאָל פאַרגוואַלטיקט,
אַזויפיל מאָל געשענדט,
איצט שטייט געבויגן איבער אים
דאָס דריטע רײַך
און ראַיעט אויף דאָס אינגעווייד
מיט רויב־געאיבטע הענט.

מען טאַפּט אַרום גראָב־יונגעריש די בלוט־באַטרענקטע פעלדער.
דער אַלטער שירעם-מאַן רוקט אונטער לאַנד נאָך לאַנד.
מען פליקט די גרענעצן,
מען ציפּט די בערג,
מען קנייפּט די שטעט —
ווי געניטע לומפּן אין אַ הויז פון שאַנד.
די גאַנצע וועלט איז דאַן געווען אויער,
און דאָס אויער אָנגעשטעלט צום ראַדיאָ־אַפּאַראַט.
די גאַנצע וועלט איז דאַן געווען אויג,
און דאָס אויג געווענדט צום צייטונגס־בלאַט.
דערנאָך —
דערנאָך האָט מען דעם קאָפּ געטאָן אַ בויג,
אַ בויג אין טיפן טרויער,
און אויף די ליפּן האָט אַ ברי געטאָן אַ וואָרט: —
פאַרראַט!

www.libtool.com.cn

נאָר ישראל ווייסט נאָך ניט דערפון.
ניט אים האָט מען געפרעגט,
ניט אים האָט מען געמאָלדן,
ער איז דאָך איינער פון מיליאָנען
און מיליאָנען יאָלדן,
וואָס דאַרפן הערן, שווייגן, און געהאָרכזאַם דינען,
און דרייט מען אויף די בלוט־קראַן פון דער וועלט —
דאַרף דאָס בלוט זיינס רינען.

נאַכט.
דאָס שטעטל שלאָפט — ישראל כראָפעט.
זיין שלאָף איז שווער און האַרט ווי זיינע הענט.
ער ווייסט נאָך ניט אַז ס'ברענט שוין איצט איראָפּע,
עס עס ברענט צום צווייטן מאָל דער קאָנטינענט.

www.libtool.com.cn

17

א מלאך קומט אויף פליגל אָן צו פליען,
א קייסער קומט צו רייטן אויף א פערד —
מיט א סצעפטער אין דער האַנט
און אויפן קאָפּ א בלישטשענדיקע קרוין.
נאָר ער — דער אַלטער שירעם־מאַן —
דער קעניג פון די מינכען־לייט —
האָט פון א טריבן הימל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד
אין א גרויסן עראָפּלאַן,
און ס'האָט היסטעריש זיך צעיובלט דער המון.

פון זיין האַק האָט נאָך געקאַפּעט
דאָס פרישע בלוט פון ערשט־געקעפּטן לאַנד,
נאָר דאָ באַם לופט־פּאָרט האָט מען ניט געזען
ניט דאָס בלוט און ניט די האַק,
דאָ האָט מען אויף קעפּ און אַקסל זיך געדראַפּעט
צו כאַפּן כאַטש א בליק אויף זיין צעלינדער און זיין פראַק.

זיין פּנים מיד, די אויגן מאַט,
און אין זיין האַנט —
א שטיקל בלוט-באַפלעקט פּאַפּיר —
צו פאַרדעקן זיין פאַרראַט —
מיט ווערטער פיר
אויף אייביק און אויף אייביק צו געדענקען:
— פרידן אין אונדזער צייט —
געחתמעט פונעם ברוינעם הענקער
און אים אַליין — דעם קעניג פון די מינכען־לייט.

אין לאָנדאָן ט'מען פאַרשאָטן די פריש־געגראָבענע טראַנשייען,
אין פּאַריז האָט מען מיט בלומען באַוואָרפן דאַלאַדיען,
אין בערלין האָט מען באַרעוועט און באַהיילט דעם זיג דעם בייעם,
און אין פראַג איז מען געגאַנגען ווי מען גייט נאָך א לויה.

www.libtool.com.cn

און זשעבעווע איז געזעסן אין פּראַנק און אין צעלינדער —
ווי עס פּאַסט פאַר דיפּלאָמאַטן ווירדיק און באַזאַכט —
און גערעדט פון שלום ווי געניטע צינדער,
וואָס מיבעווען די וועלט שוין פאַר אַ נייער שלאַכט.

און אין שטעטל באַ ישראלן
האָט זיך אָנגעהויבן קהלן,
האָט זיך אָנגעהויבן רודערן און רעשן.
מ׳האָט געקהלט זיך אין בית־מדרש,
אין מרחץ און אין שענק,
מ׳האָט געקהלט זיך אין די היימען, אין די גאַסן,
און געפלויגן זיינען סברות אַלערליי:
— דער לאָנדאָנער מיניסטער האָט פאַרקאָכט אַ קאַשע,
— דאָס אשר־יצר־פּאַפּירל ט׳ניט די ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי,
ווייל היטלער, ימח־שמו,
האָט אַ קישקע אָן אַ דנאָ.
און ישראל האָט געזאָגט:
— כ׳וואָלט געגעבן אים אַ קרענק מיט אַ מכה צי פאַרבאַסן,
אין בישט קאָ טשעכאָסלאָוואַקיי.

www.libtool.com.cn

## 18

סעפטעמצער 1939.
נאַכט.
דאָס שטעטל שלאָפט, ישראל כראָפּעט.
זיין שלאָף איז שווער און האַרט ווי זיינע הענט.
ער ווייסט נאָך ניט אַז פּוילן איז אין פלאַמען,
און אַז ס'צעפּלאַקערט זיך דער גאַנצער קאָנטינענט.

דער ערשטער איז די בשורה אַנצוזאָגן
איז געוועזן „שלמה די פּאַרטיי":
שטיי אויף, ישראל, גיכער שפּאַן דעם וואָגן,
און לאָד אים אָן מיט היי.

מיר פירן אָפּ די „סחורה" צו סטעפּאַנען —
האָט שלמה אים געגעבן צו פאַרשטיין —
היטלערס נאַציס האָבן אָנגעהויבן שפּאַנען
און קיינער ווייסט ניט ווען זיי וועלן דאָ אַריין.

— אַ רוח אין זייער מאַמעס־מאַמעס־מאַמען —
האָט אַ ברום געטאָן ישראל און פאַרענדיקט מיט אַ שפּיי:
זיי וועלן זיך צעהוליען דאָ, מסתמא,
נאָר אַ מכה וועלן זיי געפינען די פּאַרטיי. —

און שלמה האָט אים אָנגעקוקט, דעם פּראָסטן בעל־עגלה,
און ווי אַ קינד געוואָלט אים צודריקן צו זיך,
נאָר געזאָגט האָט ער איצט האַרטלעך צו ישראלן:
— גיכער, ישראל — שפּאַן דעם וואָגן — גיך.

www.libtool.com.cn

19

פון יענער וויסטער מינכען־נאַכט
ביזן ערשטן שאָס אויף פּוילן
איז אין אַנגסטן אָפּגעגאַן אַ יאָר,
און ס׳האָבן ווערטער צוויי אין שטעטל זיך אַרומגעדרייט —
צוויי גרוילן:
דאַנציג און דער קאָרידאָר.

אַז דער טאָג איז בשלום אַריבער
האָט מען געלייגט זיך שלאָפן מיט קריאת־שמע און מיט שרעק,
און די מורא האָט געהויערט איבער גאַסן, איבער שטיבער,
און אינדערפרי האָט מען געזאָגט —
אַז געשען איז אַ נס — וואָס די נאַכט איז בשלום אַריבער.

און איצט —
אין דער נאַכט פון סעפּטעמבער 1939,
פּונקט צום יאָר,
האָבן די צוויי ווערטער זיך אַרויסגעשלייכט פון שטעטל
ווי גנבים צוויי אויף גומענע זוילן:
ס׳איז ניט געווען מער דאַנציג און דער קאָרידאָר,
ס׳איז געווען שוין — פּוילן.

פאַרטאָג נאָך האָט די בייזע צעטראָגן זיך בליץ־שנעל
פון מויל־צו־מויל,
פון גאַס־צו־גאַס,
פון שוועל־צו־שוועל,
פון בליק־צו־בליק,
און נאָך איידער מ׳האָט די לאָדנס פון די פענצטער צוגענומען
איז דאָס גאַנצע שטעטל שוין געווען אין קריג.

דערווייל האָט מען דאָס שטעטל ניט באַשאָסן,
נאָר דער טויט איז שוין געשטאַנען פאַר די אויגן,
ווייל דער טויט איז ניט געגאַנגען מיט קיין קאָסע —
אויף שטוקאָס און אויף העריבקלס איז דער טויט אַציִנד געפלויגן.

www.libtool.com.cn

און בלויז דער קאַלענדאַר האָט די טעג באַם נאָמען אָנגערופן,
און בלויז דער זייגער האָט די טעג אויף שעהן איינגעטיילט.
אין שטעטל איז די צייט אַצינד געוואָרן אַ קאַשמאַר
וואו יעדער טאָג איז ווי אַ יאָר די גרויס,
און דאָס יאָר האָט ווי אַ רגע זיך געאיילט.

און ס'האָבן טויזנט קולות אין איעדן איד געטאָן אַ שריי:
— אַנטלויף!
און ס'האָבן טויזנט קולות אים געענטפערט גלייך:—
— וואוהין?
דער גאַנצער הימל ז'דאָך אַ פייערדיקער טייך —
די ערד אַ פליענדיקע פאַנצער־טויט־מאַשין.

עס ברענט שוין דער הימל, עס ברענט שוין דער שליאַך,
עס ברענט שוין די ערד ווי אַ שטרויענער דאַך,
און ס'קומען אַן צולויפן פון שטעטעלעך דאַנעבן
אידן טויט־דערשראָקענע זיך ראַטעווען דאָס לעבן,
מיט קלומיקעס אויף אַקסל, מיט קינדער אויף די הענט,
מען לויפט ווי פון אַ שרפה — ווי פון אַ הויז וואָס ברענט.

און זיי ברענגען מיט זיך די שרעק פאַר דעם מחבל,
וואָס פאַרפלייצט מיט טויט די שטעטלעך ווי אַ מבול,
און זיי ברענגען מיט זיך די שרעק פאַר מעסערס בלאַנקע,
דעם דונער־קנאַל פון באָמבעס, דעם געבריל פון טאַנקען,
דעם פלאַם פון ספר־תורות ביז אויף אַש פאַרברענטע,
די קולות פון פאַרפייניקטע, די קולות פון געשענדעטע,
דעם ווילדן מאָרד־געברום פון דער פליענדיקער פאַנצער־טויט־מאַשין,
און טויזנט קולות שרייען אין אַ יעדן איד:
— אַנטלויף!
און טויזנט קולות ענטפערן:
— וואוהין?

www.libtool.com.cn

און אינמיטן בראַנד — אינמיטן דער בהלה,
ווען ס׳לויפן טעג ווי פליענדיקע כמאַרעס שרעק
און ס׳בלייבן שטיין די נעכט ווי אייביקע קאָשמאַרן,
ווען אויף בלייכע ליפּן ברענט אַ הייסע קללה
אַנטקעגן די, וואָס זייען טויט און טויט־געפאַרן,
ווערט געוואָר דאָס שטעטל
אַז ס׳צעהוליעט זיך פאַלטשוק דער כוליגאַן־ענדעק,
און אַז אַנשטאָט פאַר היטלערן צו גרייטן א מפּלה —
גרייט מען קעגן אידן גאָר די מעסערס און די העק.

און ס׳ווערט דער קאָפּ פאַרווירט,
און ס׳גייט דאָס האַרץ שוין כאַדאָראַם,
מען ווייסט שוין ניט פאַר וועמען מורא האָבן פריי׳ר —
פאַר היטלערס פאַנצער־טויט־מאַשין,
צי פאַר פאַלטשוקס פּאָגראָם,
און ס׳שרייען טויזנט קולות אין איעדן איד:
— אַנטלויף!
און טויזנט קולות ענטפערן:
— וואוהין?

www.libtool.com.cn

20

און פלוצלינג —
אינמיטן בראַנד, אינמיטן דער בהלה,
קומט צופליען אַ פּאַרסאָפּעטער ישראל בעל־עגלה,
טרייבט אַריין אינמיטן מאַרק זיין פערד־און־וואָגן,
שטעלט אַוועק זיך אויף דער קעלניע ווי אַ מגיד אויף דער בימה:
— אידן! כ׳דאַרף אייך עפּעס זוגן —
עס טוט אַ דונער זיין באַסאָווע שטימע:

— ר׳האָט אַליין געהערט — אַזוי זאָל ער לעבן —
אַז אַ פויער איז געקומען פון אַ דאָרף דאַנעבן
און דערציילט אַז די רויטע מאַרשירן אַהער.
ער האָט זיך באַ דער שוויענטע מאַריע געשוואוירן,
אַז פון אַ הויכן באַרג האָט ער געזען זיי שפּאַנען,
איז אַ סימן אַז זיי זיינען גאָר ניט ווייט פון דאַנען.
אָט דאָס אַלץ האָט ער אַליין געהערט —
ער זאָל אַזוי זיין געזונט אינאיינעם מיטן פערד.

— וואָס פויער, ווען באַרג, — האָט מען אים אָנגעהויבן פרעגן,
נאָר ישראל האָט שוין ניט קיין צייט;
אויב די רויטע גייען, דאַרף מען לויפן זיי אַנטקעגן —
האָט ער גיך דעם דישעל אויסגעדרייט
און וויאָ! פערדעלע, וויאָ!
אַ רוק אין דיין טאַטנס־טאַטנס־טאַטן —
באַלד וועט וואויל זיין דעם געמיינעם,
ווי ס׳איז וואויל דעם זאַטן.

און נאָך איידער ס׳איז פון בליק אַרויס
ישראלס פערד און וואָגן,
האָט די נייעס דורכן שטעטל
ווי אַ בליץ זיך שנעל צעטראָגן.
מ׳איז אַרויס פון די וואַרשטאַטן, באַלעבאַטים און געזעלן,
מ׳איז אַרויס פון די קראָמען, מ׳איז אַרויס פון די שטיבער,

www.libtool.com.cn

דאָס גאַנצע שטעטל האָט געשטעלט זיך אויף די שוועלן,
און פון די שוועלן אויף דער גאַס אַריבער.

יונג און אַלט און קינד־און־קייט
האָבן אָנגעהויבן שפּאַנען, ווי פון זיך אַליין;
ניט איעדער ווייסט וואוהין ער גייט,
נאָר יעדער גייט וואו אַלע גייען.

דאָס פּנים שטראַלט, און פריילעך איז דער גאַנג,
און ס'וואַקסט די מענטשן־מענגע ריי נאָך ריי,
און פלוצלינג קומט פון ווייטנס אָן אַ לויטערער געזאַנג —
— יאָ, זי גייט! זי גייט, די רויט־אַרמיי!

www.libtool.com.cn

21

דאָס שטעטל איז אַרויס מקבל־פּנים זיין די געסט,
דאָס דערפל האָט די געסט ביז אין שטאָט אַריין באַגלייט,
און ס'האָבן אידן געזאָגט אַז געשען איז אַ נס —
פונקט ווען פאַלטשוק האָט אַ שחיטה געגרייט.

פאַראויס איז געגאַנגען אַ שטאָלענער טאַנק,
אויפן טאַנק האָט געווייעט אַ פענדל אַ רויטס,
און ס'האָבן אידן געזאָגט: גאָט זיי דאַנק, גאָט זיי דאַנק,
וואָס זיי ראַטעווען אונדז פון אַ זיכערן טויט.

אויפן טאַנק איז געשטאַנען אַ פּולעמיאָט
און געקוקט אין פאַראויס און געקוקט אין אַ זייט,
און ס'האָבן אידן געזאָגט: דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט,
וואָס זיי זיינען געקומען אין צייט.

ווייל חלילה וחס, ניט די שעה זאָל עס זיין,
זיי וואָלטן פאַרשפּעטיקט חלילה איין שעה,
וואָלט פאַלטשוק מיט זיין באַנדע אין שטעטל אַריין —
נו־נו.

צי חלילה ווען היטלער, ימח-שמו,
וואָלט אויף איין טאָג חלילה אין שטעטל אַריין,
וואָלט געווען צו אונדז אַלע אַז אָך און אַז ווי —
זאָל דער אייבערשטער שומר און מציל זיין.

ער וואָלט פון אונדז אַלע געמאַכט אַ טיל־תל
נאָך איידער דער האָן וואָלט געגעבן אַ קריי,
נאָר מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט —
פריער גאָט, דערנאָכדעם זיי.

און מ'האָט „געצויגן דעם הוט" פאַר די נייע געסט,
און מ'האָט זיך פשעוויטעט מיט יעדן סאָלדאַט,
און ס'האָבן אידן געזאָגט אַז געשען איז אַ נס,
און ס'האָבן אידן געזאָגט: משיחס צאָט.

www.libtool.com.cn

22

ס'האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ יום־טוב ניט געשוואומען אין די אויגן,
ס'האָט נאָך קיינמאָל אין די גאַסן ניט געטאַנצט אַזאַ מין פרייד,
ביז אַ מיידל האָט אַ זעלנער פון דער ריי אַרויסגעצויגן,
און זיי האָבן צווישן עולם אין אַ טאַנץ זיך דורכגעדרייט.

און דער טאַנץ האָט ווי אַ פלאַם דעם עולם אָנגעצונדן,
און דער טאַנץ האָט ווי אַ פלאַם די שטיינער אָנגעגליט,
און ס'זיינען זעלנער איינס־נאָך־איינס פון ריי פאַרשוואונדן,
און דאָס שטעטל האָט צעטאַנצט זיך יונג און אַלט און קריסט און איד.

און אַראָפּ זיינען די טאַנקיסטן פון די טאַנקען,
און אַראָפּ זיינען די רייטער פון די פערד,
און אידן האָבן געפּליעסקעט : גאָט זיי דאַנקען, גאָט זיי דאַנקען,
וואָס דעם שטעטל איז אַ גליק אַזאַ באַשערט.

און ס'איז אַרויס ווי פון אַ טורמע דאָס פאַרבאָטענע קאָליר,
מ'האָט מיט רויטס באַפּוצט די פענצטער, מ'האָט מיט רויטס באַפּוצט די טיר,
רויטע טיכלעך, רויטע סטענגעס
און ווער ס'האָט ניט קיין רויטס געהאַט,
האָט געפּאָכעט מיט אַ רויט שטיקל ציקאָריע־פּאַפּיר.

דאָס שטעטל איז אַרויס אויף די גאַסן, אויף די דעכער,
די פרייד איז אַרויס אויפן פּנים.
געלעגן זיינען אין די קעלערס, אין די לעכער
בלויז די מייז, די ראַצן און די שונאים.

www.libtool.com.cn

23

יענע נאַכט האָט עס צום ערשטן מאָל געטראָפן,
אַז מ'האָט די לאָדנס ניט פאַרהאַקט.
טיר־און־טויער איז געשטאַנען אָפן,
און דאָס שטעטל איז געוועזן וואַך.
מ'האָט ניט געוואָלט די נייע פרייד פאַרשלאָפן,
ז'מען אין גאַנצן ניט געשלאָפן יענע נאַכט,
און די וואָס האָבן יאָ געלייגט זיך שלאָפן —
געשלאָפן זיינען יענע נאַכט געשמאַק.
ווייל יענע נאַכט האָט עס צום ערשטן מאָל געטראָפן,
אַז מ'האָט די לאָדנס ניט פאַרהאַקט.
די פרייד האָט זיך געטראָגן איף געלעכטער,
געלעכטער האָט געקלונגען דורך דער נאַכט,
ווייל עס האָבן רויט-אַרמייערישע וועכטער
צום ערשטן מאָל דאָס שטעטעלע באַוואַכט.

אין מאַגיסטראַט באַם זייט פון מאַרק
האָבן אַלע לאָמפּן העל געברענט,
און ס'האָבן זיך געביטן שוין די בילדער אויף די ווענט:
ס'איז יאָזעף בעק אַראָפּ און מאַלאַטאָוו אַרויף,
און סמידז ריגליי'ם פאַרעטערישער קאַרק
האָט זיך געוואָלגערט אין אַ מיסטפּעסל אין הויף.

און סטאַלין האָט צו לעבינען געשמייכלט פון דער וואַנט,
און לענין האָט געענטפערט אים מיט אויסגעשטרעקטער האַנט.
און פראָסטע ווענט זיינען געוואָרן געניאַל,
און פראָסטע ווענט האָבן זיך יום־טובדיק צעשטראַלט
און זיך צערעדט:
— מיר זיינען שוין, מיט מזל, אין סאָוועט.

## ישראל פאַרטיזאַן

www.libtool.com.cn

באַ אַ טיש אין מאַגיסטראַט,
איינגעטונקענע אין פּאַפּיראָסן־רויך
און אין פּאַפּירן אַלערליי,
געזעסן זײַנען פיר:
ישראל בעל־עגלה,
שלמה די פּאַרטיי,
סטאַטשעק און דער רויטער קאָמאַנדיר.

מ׳האָט דאָס שטעטעלע געמאָסטן און געוואויגן,
מ׳האָט פאַרשריבן נעמען און געצייכנט מאַפּעס,
מ׳האָט מיט פאַרזיכט איינציקווײַז אַרויסגעצויגן
פונעם פאָלק די שונאים,
און באַשלאָסן:
נאָך טאָקע הײַנט אַרויפלייגן אַ שווערע לאַפּע
אויף דער פינפטער קאָלאָנע.

דער ערשטער אויפן צעטל
איז געווען פאָלטשוק דער כוליגאַן־ענדעק,
און נאָך איידער ס׳האָט אויף טאָג שאַריעט,
און נאָך איידער ס׳האָבן הענער זיך צעקרייעט —
ז׳מען נאָך אים אַוועק.

www.libtool.com.cn

24

אינדרויסן איז שטיל.
שטיבלעך לאָקן די לבנה צו די פּוסטע קוימען־לעכער.
אַ פֿויגל ט׳זיך פֿאַרמאַסטן מיט אַ גריל —
ווער פֿון זיי ס׳קען זינגען העכער.

אַ לאַסט־אויטאָמאָביל —
אָנגעפּראָפּט מיט רויט־אַרמייער און באַוואָפֿנט —
האָט זיך פֿלינק געשלענגלט איבער וועגן קרומע.
פֿון הינטן איז אַ טאַנקל נאָכגעלאָפֿן
און צעפּראַלט די שטילקייט מיט זיין ברומען.

ווייל זאָל זיך גאָר ניט טרעפֿן,
ווי עס האָט זיך שוין געטראָפֿן,
ווייל טאָמער פֿאַלט זיי איין, די אידיאָטן,
מיט געווער זיך קעגנשטעלן,
וועט מען צו זיי ריידן אויף דער שפּראַך פֿון פּולעמיאָטן,
אפֿשר וועט דאָס בעסער זיי געפֿעלן.

און טאָמער פֿאַלט זיי איין דאָרט, די ענדעקעס,
אויפֿצושטעלן וואו אַ באַריקאַדע,
וועט שוין דאָס קאַנאָנדל זיי באַדעקן,
און דאָס טאַנקל וועט צונוצקומען אַוודאי.

www.libtool.com.cn

25

ישראל האָט איעדעס שטעגעלע געקענט,
ווי די באָרד אויף זיין פּנים,
ווי די פינגער אויף די הענט!
נאָר איצט האָט ער געציפּט גאָר פון דער באָרד די האָר
און נאָך אַלץ געטראַכט:
צי איז עס בלויז אַ חלום,
צי איז עס טאַקע וואָר.

ער זעט מען טראָגט זיך, ווי אַ וויכער,
אַז עס שווינדלט אַזש אין קאָפּ.
עס וואָלטן צען פּאָר פערד דאָך ניט געפלויגן גיכער
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ.

ניט קיין פערד איז צוגעשפּאַנט,
און ניט מ'זיצט דאָ, אויף אַ קעלניע,
נאָר ס'האַלט אַ רעדל אין דער האַנט
אַ רויט־אַרמייערישער זעלנער.

און טאַקע נאָר ווי כישוף,
צי ווי עפּעס אַ ניט־גוטער,
עס גיט זיך נאָך דאָס רעדל
ווי עס וואָלט געגאַן אויף פּוטער.

אַ פאַרגאַפטער אויפן רעדל
ער הערט ניט אויף צו קוקן,
און ר'האָט שיעור שוין ניט פאַרגעסן,
אַז מ'פאָרט איצט נאָך פּאַלטשוקן.

www.libtool.com.cn

26

ס׳האָט דער ליכט־פּראָזשעקטאָר
אויפן דעכל פונעם לאָסט־אויטאָמאָביל
אַ קעם געטאָן דעם וואַלדיקן אַרום,
און ווי אַ לאַנגער פינגער אָנגעוויזן אויף אַ שטיינערנער מויער,
עס האָט אַ לייביק שווערער הונט געטאָן אַ הייזעריקן ביל
אויף יענער זייט פון צוגעהאַקטן טויער.

דאָס איז געווען דעם גראַף ראַדזשינס פּאַלאַץ,
וואָס האָט געהויבן זיך אין טורעמדיקן שטייגן,
דאָס טורעם־דעכל רונדיק ווי אַ טאַץ,
די ווענט באַדעקט מיט טרויבן־צווייגן.

דער פּראָזשעקטאָר האָט געגישטערט יעדעס שפּעלטל אינעם שלאָס,
און ס׳איז דער קאָמאַנדיר אים נאָכגעגאַן מיט זיין שפּאַקטיוו,
ביז מ׳האָט דעם ליכט-פּאַס אויפן דאַך געטאָן אַ גאָס,
און אינעם דאַך זיך איינגעביסן טיף.

מיט גרינע טרויבן־צווייגן קונציק איינגעדעקט
איז אַ פּולעמיאָט געשטאַנען דאָרט אין לויער,
און לעבן טורעם, פון אַ ווינקלדיקן ברעג,
געצילט דעם קוילן־שפּייער גלייך אַנטקעגן טויער.

ס׳איז געווען אין שטילקייט איינגעהילט דער דאַך,
אַ פּאַרטייערטער געשטאַנען איז דער טורעם,
ס׳איז געווען די שטילקייט פון אַן ערב-שלאַכט,
ס׳איז געווען די שטילקייט פון אַן ערב־שטורעם.

ס׳האָט סטאַשעק זיי אויף פּויליש דורך אַ גרויסן מעגאַפאָן
באַפוילן גלייך זיך אונטערגעבן,
און באַווייזן אויפן דאַך אַ ווייסע פאָן —
אויב זיי ווילן ניט באַצאָלן מיטן לעבן.

www.libtool.com.cn

האָט דער דאַך געענטפערט מיט אַ שאָס,
מיט אַ טראַט־טאַ־טאַט פון פליענדיקע קוילן,
— טאַנק פאַראויס! נעמט דעם שלאָס! —
האָט גלייך דער קאָמאַנדיר באַפוילן.

עס האָט דער טאַנק געטאָן זיך אויף פאַראויס אַ רוק,
און הינטער אים די רויט־אַרמייער אויף די קני אין לויער,
און ישראל ט'אַפּאַרגאַפּטער נאָכגעקוקט
ווי ס'גייט דער טאַנק זיך גלייך אַריין אין טויער.

און דער טויער גיט אַ קרעכץ און קערט זיך איבער
מיט אַ דונערדיקן קראַך,
און ס'שפּאַנט דער טאַנק ווי אויף אַ שוועל אויף אים אַריבער,
און ס'באַגעגנט מיט אַ האָגל אים דער דאַך.

און ס'שטעלט דער טאַנק זיך אָפּ אינמיטן הויף,
און הינטער אים די רויט־אַרמייער אויפן בויך,
און ס'גיט דער טאַנק־קאַנאָן צום דאַך אַ קנאַל אַרויף
און הילט אים איין אין אַ געדיכטן רויך.

עס רעדט דער טאַנק מיט בום! בום! בום!
און ס'ענטפערט אָפּ דער דאַך מיט טאַך־טאַך־טאַך
און עכאָס פראַלן־אויף דעם וואַלדיקן אַרום
און צעשפּליטערן די שטילקייט פון דער נאַכט.

פלוצלינג האָט ווי איינגעשטומט דער דאַך,
און ס'האָט אַ העמד אַ ווייס געוויייעט אויף אַ שטעקן.
— זיי גיבן אויף די שלאַכט!
— זיי גיבן זיך אונטער, די ענדעקעס!

האָבן רויט־אַרמייער זיך אַ לאָז געטאָן צום שלאָס,
און אויפן בויך געקראָכן צו די שטיגן,
האָט דער דאַך אויפסניי געטאָן אַ שאָס,
איז אַ רויט־אַרמייער אויפן אָרט געבליבן ליגן.

## מ . א . סול

www.libtool.com.cn

האָט דער טאַנק צעדונערט זיך אויפסניי,
און ס׳האָט פון שלאָס אַ זעץ געטאָן מיט פלאַמען,
און ישראל האָט מיט כעס געטאָן אַ שפּיי:
— אַ ריך אין זייער היגטיש־קורווישער מאַמען.

ס׳איז דער שלאָס געוואָרן איינגעהילט אין רויך,
דער פּראָזשעקטאָר האָט דעם רויך ווי מיט אַ מעסער דורכגעשטאָכן,
און ס׳האָבן רויט־אַרמייער גיך געשאַרט זיך אויפן בויך,
ביז זיי זיינען צו די ווענט דערקראָכן.

עס האָט אַ האַנט־גראַנאַט פאַרמאַכט דעם פּיסק דעם פולעמיאָטל אויבן
און ס׳האָבן אויפגעפלאַצט ווי בלאָטערס די שויבן אויף די ווענט,
די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן האָט ישראל אויפגעהויבן,
און ווי אַ טאַטע זיי געטראָגן אויף די הענט.

אַ יעדער טרעפּל איז געווען אַ באַריקאַדע,
און דער הויף האָט ווי אַ שלאַכט־פעלד אויסגעקוקט,
נאָר ווען דער טאַנק האָט אויפגעהערט די קאַנאָנאַדע
איז געווען שוין אַ געפאַנגענער פּאַלטשוק.

www.libtool.com.cn

27

— פאַרטאָג
נאָך איידער ס׳האָט די מאָרגן-זון דעם הימל־ראַנד צעצונדן,
נאָך איידער ס׳האָבן פויערים צעוועקט זיך אין די כאַטעס,
האָט אין שטעטל אומגעשפּאַנט פון מויל־צו־מויל דער וואונדער
אַז פאַלטשוק איז הינטער גראַטעס.

מ׳האָט די נייעס אומגעטראָגן ווי לעקאַך אויף אַ טאַץ,
און מ׳איז ניט מיד געוואָרן הערן און דערציילן פונדאַסניי:
— מ׳האָט זיי געפּאַקט אין גראַף ראַדזשיגס פּאַלאַץ!
— געווען אַ הייסע שלאַכט,
— סניט געהערט די שיסעריי?
— געהערט, געהערט. ווער האָט מיט אַן אויג דען צוגעמאַכט?
— מיר האָבן באַצאָלט מיט צוויי.
— און פאַלטשוק?
— מיט גאַנצע אַכט.
— און דער גראַף?
— האָט אַ ויברח געמאַכט.
— אַי, אַי, אַי,
— אַ שאָד — געדאַרפט אים פּאַקן דעם הולטאַי.

אין בית־מדרש האָט דער רב געהייסן גומל בענטשן,
און נאָכן דאַווענען ט׳מען געמאַכט שוין אַ לחיים:
— טאַקע נאָר מלאכים זיינען זיי און ניט קיין פּראָסטע מענטשן.
— טאַקע נאָר אַ נס מן־השמים.
— נו, זאָל צו אַלע צרות קומען שוין אַ סוף.
— און זאָל דער אייבערשטער געבן פּרנסה לרוב.
— און געשטאַרקט זאָל זיין די רויטע אַרמיי,
ווייל פריער גאָט, דערנאָכדעם זיי.

www.libtool.com.cn


ס׳איז געווען ווייט נאָך צום יאַריד,
נאָר אין מאַרק האָט זיך געטומלט גאָר יאַרידיש.
פון האַנט־צו־האַנט איז אומגעגאַן דער נייער בולעטין,
וואָס איז אַרויס אויף פויליש און אויף אידיש.
מ׳האָט אים געמישט אַהער און געמישט אַהין,
און זיך געחידושט:
— הער נאָר, הער — אויף פויליש און אויף אידיש!
מ׳האָט געלייענט די נייעס אויף אַ קול,
מ׳האָט דעם בולעטין צעשפּרייט ווי אַ מגילה —
געלייענט די נייעס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל,
און אידן האָבן נאָכגעזאָגט די ווערטער ווי אַ תפילה:
— ווער עס ווייסט וואו עס באַהאַלט זיך גראַף ראַדזשיק,
זאָל גלייך צו וויסן טאָן דער מאַכט. —
— פּאַלטשוקן מיט זיין באַנדע וועט מען משפּטן אינמיטן מאַרק
נאָך היינט באַנאַכט. —
— וועט מען היינט זיי, הייסט עס, געבן אַן עליה.
— און אפשר אויך אַ מפטיר — שייך.
— ווי אין פּסוק שטייט: סוף גנב לתליה.
— ווי אין פּסוק שטייט: הטוף טאַפּטיך.
מ׳האָט געקנייטשט דעם שטערן און געלערנט פּשט:
— די מאַכט, הייסט עס, דאָס זיינען זיי — אין מאַגיסטראַט.
— שוטה —
די מאַכט — דאָס זיינען אַלע רויטע.
— נאַראָנים וואָס איר זענט —
די מאַכט — דאָס איז דאָס גאַנצע פאָלק.
— אָט־די, וואָס פּראַצען מיט די הענט.
— אַזוי! דאָס קען דאָך יעדער כלאָפּ.
— וואָס איז מכוח די, וואָס פּראַצען מיטן קאָפּ?
— דאַיינה?
— אַ פּרק משניות — אַ בלאַט גמרא,
— סאַ סברה —
— אַז וואָס?
— אַז ניין.
— עה — עמער וואַרטן, עמער זען.

www.libtool.com.cn

29

ישראל פירט אין מאַרק אַריין אַ פולן וואָגן ברעטער.
ער אַרבעט שוין מיט מזל פאַר דער מאַכט.
ער, צוזאַמען מיט זיין פערד־און־וואָגן.
וואו זיינען זיי אַצינד, די שיינע באַלעבאַטים פונעם שטעטל,
ער וואָלט זיי וועלן איצטער זאָגן
אַז זיין אַ בעל־עגלה איז אויך עפּעס אַ זאַך,
און נישט אַזוי זיך גלאַט אַ האָלעדריגע.
אַך — ווי ס׳אַרבעט זיך גאָר אַנדערש פאַר דער מאַכט —
ווי אַנדערש גאָר עס ווילט זיך טאָן אַ דזשוויגע.

ער קלייבט זיך אויס די שענסטע גאַסן אינעם שטעטל,
און וואָלט וועלן אַז מ׳זאָל אים נאָכקוקן פון פענצטער און פון טירן,
פונקט ווי ר׳וואָלט געפירט אַצינדערט ניט קיין פּראָסטע ברעטער,
נאָר עפּעס גאָר בכבודיקע פּאַסאַזשירן.

ער גיט דעם פערדל אָלע ווייל אַ צוויק,
ווי ער וואָלט איינטענהן מיט אים אויף בייטשן־שפּראַך:
— זאָלסט אויפהערן מיר, פערדעלע, צו מאַכן פוילע שטיק —
מיר אַרבעטן שוין איצטער פאַר דער מאַכט.

ווי די זון צינדט אָן אַ שויב פאַרנאַכט-צו באַם פאַרגיין,
האָט זי אָנגעצונדן איצט ישראלס זשאַווערדיקע באָרד.
פלאַמט די באָרד פאַראויס אים ווען ער פאָרט אין מאַרק אַריין,
און ס׳דאַכט זיך אים —
אַז ניט בלויז מענטשן רוקן אָפּ זיך — מאַכן אָרט,
נאָר ס׳לייגט זיך גלאַטיק אויס די בערגלדיקע ערד,
און שטיינער פילדערן פאַראויס די נייעס אָנצוזאָגן:
— ישראל בעל־עגלה,
מיט זיין פערד און מיט זיין וואָגן,
האָבן ברעטער געבראַכט —
פאַר דער מאַכט!

www.libtool.com.cn

און ווען ישראל האָט דעם וואָגן אויסגעלאָדן,
האָט זיך אַ קשיא ווי אַ ברעט די גרויס
אַוועקגעלייגט באַ אים אין קאָפּ,
און מיט יעדער ברעט איז זי געוואָרן האַרבער —
ער האָט דעם ענין גאָר אינגאַנצן ניט געקענט באַנעמען:
וואָס־זשע שטייען זיי די רויט־אַרמייער מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל
און מייסטרעווען מיט חשק אַ בעלעמער,
אַז מ׳וואָלט באַדאַרפט זיך איצט גאָר פאַרען אויפן צווינטער.
און ווען מ׳לאָזט דעם גאַנצן עסק נאָר צו אים,
וואָלט ער זיי מיט אַ פויסט דערלאַנגט אַ שאָס אין מאָרדע,
אַז זיי וואָלטן זיך באַגאָסן אַזש מיט רויטער יויך,
דערנאָך וואָלט ער זיי אָפּגעמינטערט,
און מיטן פוס דערלאַנגט אַ שאָס אין בויך,
אַז זיי וואָלטן זיי׳רע באָבעס דערזען פון יענער וועלט,
און נאָכאַמאָל געמינטערט,
צו קענען נאָכאַמאָל דערלאַנגען.
נאָר אויב שוין יאָ אינמיטן מאַרק,
וואָלט ער דאָ תליות אויפגעשטעלט
און וואָלט זיי אַלע אויפגעהאַנגען.
נאָר אַז ר׳האָט אויסגעליידיקט שוין דעם גאַנצן וואָגן,
האָט ער אַ שולדיקער אַזוי געטאָן אַ טראַכט:
וואָס וויים איך, מ׳שטיינס געזאָגט, פון וואָס צו זאָגן:
אַז זי וויל אַ בעלעמער,
מסתמא ווייסט זי וואָס זי וויל, די מאַכט.

איז וויאָ, פערדעלע, וויאָ —
צוריק אין וואַלד אַריין נאָך ברעטער.
מען דאַרף די אַרבעט גיך דעריאָגן,
נאָך איידער עס וועט צופאַלן די נאַכט.
און ניט דורך הינטער־געסלעך פאָרט אַציִנד ישראל,
נאָר דורך די שענסטע גאַסן פונעם שטעטל,
און שטיינער פילדערן פאַראויס די נייעס אָנצוזאָגן:
— ישראל בעל־עגלה,
מיט זיין פערד און מיט זיין וואָגן,
פאָרן איצט נאָך ברעטער — פאַר דער מאַכט!

www.libtool.com.cn

30

ס'האָט דאָס שטעטל ניט געוואוסט אויף וואָס צו חידושן זיך פריער,
ס'האָט דאָס שטעטל ניט געוואוסט אויף וואָס פריער צו קוקן,
צי אויף דעם וואָס דער מאַרק איז מיט פאָנען באַצירט,
צי אויף דעם וואָס מען וועט משפּטן פאַלטשוקן.

ניטאָ מער קיין מיסט פון קי און פון פערד,
ניטאָ מער קיין שטויב קיין געדיכטער,
— הערט נאָר אַ מעשה, הערט נאָר, הערט:
מיר וועלן זיין היינט די ריכטער!

מ'איז געקומען צו פוס, מ'איז געקומען אויף פערד,
מ'איז געקומען צו פאָרן אויף פורן,
און אפילו דער בראַנפן האָט היינט ניט געקענט
פאַרהאַלטן אין שענק די שיכורים.

מ'האָט זיך באַגריסט און מ'האָט זיך באַקענט,
און בליקן האָבן אומרואיק געפלאַטערט,
רויטע אַרמייער מיט העפלעכע הענט
האָבן דעם עולם באַזעצט ווי אין אַ טעאַטער.

און איד איז מיט פויער געזעסן באַנאַנד,
און מ'האָט צום ערשטן מאָל זיך פון דער נאָענט אָנגעקוקט,
און דער איד האָט ניט פאַרשטעלט די באָרד מיט דער האַנט,
און די פּאות אונטערן אויער ניט פאַררוקט.

און אַז דעם מאַרק איז געוואָרן צו ענג,
האָט ער זיך אַנטליען די שטראָזן און די טראָטואַרן,
און מ'האָט אַרויסגעבראַכט בענקלעך, און מ'האָט אַרויסגעבראַכט בענק,
און מ'האָט נאָך געדאַרפט אין די ווענט זיך אָנשפאַרן.

www.libtool.com.cn

פלוצלינג האָט מיט ליכט געטאָן אַ גאַס אויף דער טריבונע,
און ס'האָט אויפגעהעלט דער סערפּ־און־האַמער אויף אַ גרויסער רויטער פאָן,
דורך אַ מיקראָפאָן האָט עמעצער געטאָן אַ דונער:
— בירגער! האַלט זיך רואיק, מיר הייבן אָן.

דער ערשטער האָט דאָס וואָרט געקראָגן דער אינטערנאַציאָנאַל,
און ס'האָט אַ רויט־אַרמייערשער אָרקעסטער אים באַגלייט.
צום ערשטן מאָל האָט מען די ווערטער דורכן שטעטל פריי צעשאָלט:
— דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער און אַנטשיידענער שטרייט. —

דער מאַרק האָט זיך געטאָן אַ וויג פאַנאַנדער,
ווי ס'וואָלט ווער פון אַ ביקס געטאָן אַ קנאַל,
ווען ס'האָט די וואַך אַרויפגעפירט פאַלטשוקן מיט זיין באַנדע
און פון דער פוילישער אַרמיי אַ גענעראַל.

ס'איז דאָס בלוט ווי איינגעקילט געוואָרן,
דורכן לייב איז ווי אַ ווינט אַדורך אַ סקרוך,
אין די אויגן האָט אַ גלי געטאָן דער צאָרן,
אויף די ליפּן האָט אַ ברי געטאָן אַ פלוך.

און ס'האָט געמישט די גרוילן דער זיכרון,
ווי מען מישט די בלעטער פון אַ בוך,
ס'איז דאָס בלוט ווי איינגעקילט געוואָרן,
דורכן לייב איז ווי אַ ווינט אַדורך אַ סקרוך.

אין די אויערן האָבן אָפּגעהילכט די קולות,
וואָס האָבן זיך ניט איינמאָל שוין געטראָגן דורך די נעכט:
— אַ, ראַטעוועט! מען מאָרדעט און מען קוילעט,
— אַ, ראַטעוועט! מען קוילעט און מען שעכט.

www.libtool.com.cn

פאַר די אויגן זיינען דורכגעגאַן לויות,
וואָס האָבן זיך ניט איינמאָל שוין געצויגן דורך די טעג.
די שרהס און די שלמהס און די שעיהס,
קרבנות פון פאָלטשוקן דעם ענדעק.

געדאַכט האָט זיך זיי זיינען אויפגעשטאַנען,
פון די קברים זיינען זיי אַרויס,
געדאַכט האָט זיך זיי זיינען דאָ פאַראַנען —
אָט זעצן זיי זיך אויף דער בימה אויס.

גערעדט האָט סטאַשעק צו די פויערים אויף פויליש,
גערעדט האָט שלמה צו די אידן אויף אידיש,
און גערעדט אויףביידע שפראַכן האָט דער רויטער קאָמאַנדיר,
און דער עולם איז געזעסן ווי פאַרגאַפט, און זיך געחידושט,
און ניט געוואוסט אויף וואָס צו חידושן זיך פריער.

און ווען צום עולם האָט געווענדט זיך די טריבונע,
דאָס פאָלק זאָל איצט אַרויסטראָגן דעם פסק:
— שולדיק! — האָט דער מאַרק געטאָן אַ דונער,
און געפאַלן איז דער אורטייל ווי אַ האַק.

www.libtool.com.cn

31

ווי אַ מענטש וואָס געווען איז פאַרשפאַרט אין אַ צעל —
וואו פינצטער ווי נאַכט איז געוועזן דער טאָג —
טוט אַ רייב זיך די אויגן שוין גלייך אויף דער שוועל,
ווען מ׳לאָזט אים אַרויס און די זון טוט אַ שלאָג,

און עס שמאַרצן די אויגן פון זוניקן בלענד,
און עס שמאַרצן די אויגן פון הימלשן בלוי,
און ס׳איז שווער אים שוין גלייבן אַז ס׳קענען זיין ווענט
וואָס זיינען ניט קלעפּיק און זיינען ניט גרוי,

אַזוי האָט דאָס שטעטל מיט וואונדער געקוקט
אויף די שרעקלעכע נעכט, אויף די פרידלעכע טעג:
— זאָל עס זיין אַז ס׳איז מער שוין ניטאָ קיין פּאָלטשוק?
האָבן אידן אַ צענדליק מאָל זיך איבערגעפרעגט.

— זאָל עס זיין טאָקע וואָר וואָס די מאַכט האָט געזאָגט,
אַז שווער איז פאַר אַנטיסעמיטן די שטראָף?
זאָל עס זיין אַז באַ אונדז דאָ האָט אויך שוין געטאָגט,
און אַז ברויט וועט שוין יעדער איצט האָבן לרוב?

מ׳האָט געשלונגען דעם טעגלעכן בולעטין,
און מ׳האָט בשעת־מעשה געקייעט שפּיץ־בערד.
— עס דאַרפן די שניידער זיך מעלדן אַהין,
— עס דאַרפן די שוסטער זיך מעלדן אַהער.

און זאָלן סטאָליאַרעס מיט האַמער און הובל,
און זאָלן די פאַרבער, מיט באַרשטן אין הענט,
זיך מעלדן אַהין צו פאַרריכטן די שטובן —
זיך מעלדן אַהער צו פאַרבן די ווענט.

www.libtool.com.cn

אַ דיל דאַרף אַ לייסטל, אַ דאַך דאַרף אַ לאַטע,
אַט דאָרטן באַדאַרף מען די שוועל טאָן אַ הויב,
די זון קען ניט דורך דורך אַ פענצטער פון שמאַטעס —
דאַרף מען אַריינשטעלן גלאָז אין אַ שויב.

אַ טיר דאַרף אַ קליאַמקע, אַ שוועל דאַרף אַ טרעפּל,
אַ קוימען אויף היגערשע פּיסלעך דאָרט שטייט,
ווי לאַנג שוין אַז ס'רינט פּוענם אייזערנעם טעפּל,
וואָס מ'האָט שוין ניט איינמאָל מיט צין צוגעלייט.

אַט דאָ פעלט אינגאַנצן דער טראָטואַר,
אַט דאָרט שטייט די בלאָטע אַ קיילעכדיק יאָר,
אַט דאָ ט'מען אַ הויפן מיט מיסט אָנגעבאַרגט —
זינעגן דאָרט פליגן אין זשומיקן כאָר.

איז, זאָלן מוליאַרעס זיך מעלדן אַהער,
און זאָלן די טרעגער זיך מעלדן אַהין,
מ'שפּיצט אָן די אויערן, מ'קייעט די בערד:
— אַנו, וואָס נאָך זאָגט דער בולעטין?

וואו שטייט עס געשריבן, ווער האָט עס געזאָגט,
אַז אין באָד אַריין גייט מען בלויז איינמאָל אַ וואָך?
זאָל מען הייצן דעם אויוון אין באָד יעדן טאָג —
און פעלט עפּעס אויס, ווער די מאַכט געבן נאָך.

ס'איז אַ קרענק, ניט קיין גיט־אויג, וואָס מ'שפּרעכט אָפּ אומזיסט,
און מ'קען קיין חולאתן ניט היילן מיט באַנקעס,
סדאַרף אַ חולה א דאָקטער, און אַ צאָן אַ דענטיסט,
און מ'דאַרף אַ שפּיטאָל פאַר די קראַנקע.

און מ'שפּיצט אָן די אויערן און מ'קייעט די בערד
און מ'דרייט אַ פּאַפּירל טוטין.
— יאָ נו, געהערט, שוין געהערט,
וואָס נאָך זאָגט דער בולעטין?

www.libtool.com.cn

הײַנט זײַנען טעג מיט יום־טובים צוגלײַך,
ניט פֿאַראַן בײַ דער װאָך קײן מיחוסים.
ס'זײַנען מאַנטיקס און מיטװאָכס געװאָרן איצט רײַך,
פּונקט װי אַמאָל די שבתים.

אויב ברויט — איז איעדער; אויב חלה איז אַלע,
אויב פֿלײש איז ניט דװקא אום פֿרײַטיק,
און אויף אַ שטיקל עוף איז דער שוסטער אַ בעלן
פּונקט װי דער נגיד רב פֿײַטל.

העי, באָבעס און זײדעס, העי מאַמעס און טאַטעס,
העי, אייניקלעך, טעכטער און זין:
געבנוג שוין דאָס שטיקעלע לעבן געלאַטעט,
װי מ'לאַטעט דאָס אײַזערנע טעפּל מיט צין.

אַ טעפּל, נו, מילא, צעבראָכן, פֿאַרפֿאַלן,
קריגט מען אַן אַנדערס, און שוין,
נאָר „אַ מענטש" — האָט געזאָגט אונדזער חבר סטאַלין —
„אַ מענטש איז דער טײַערסטער אוצר — די קרוין".

װי העל ס'איז די זון זאָל דאָס לעבן איצט העלן,
און קײנמאָל שוין, קײנמאָל, זאָל פֿינצטער ניט זײַן,
עס שײַט דאָס סאָװעטישע גליק בײַ די שװעלן,
איז — עפֿנט די טירן און נעמט עס אַרײַן.

און מ'קײַעט די בערד, אי שװאַרצע, אי װײַסע,
און מ'דרײט מיט פֿאַרטראַכטקייט ס'פּאַפּירל טוטין:
— הער נאָר אַן אײַנפֿאַל! הער נאָר אַ מעשה!
— אַזוי טאָקע שטײט דאָרט אין בולעטין?

www.libtool.com.cn

32

טעג זיינען געקומען, און טעג זיינען אַוועק,
ווי ליבע געסט מיט וועלכע ס'איז זיך שווער צו שיידן,
און נעכט זיינען געקומען —
ווי שכנים באַנגעטע צו גאַסט.
מ'האָט געהאַט אַזויפיל צו דערציילן זיך אין פריידן,
מ'האָט געקוויקט זיך מיטן לעבן —
ווי אין תמוז מיט אַ קאַלטן ביסל קוואַס.

און ישראלן פעלן אויס איצט
כאָטש אַ צוויי צי דריי מעת־לעתן
צו אַ יעדערן מעת-לעת,
פאַר די אויגן זעט ער ווי דאָס אַלטע גוססעט —
וויל ער צולייגן אַ לאַפּעטע דעם מת.

פירט ער ציגל, ליים און ברעטער,
פירט ער שטיינער, מיסטן־קופּעס,
פירט ער ס'שטעטל זיינס אַריין צו די סאָוועטן —
ווי ר'וואָלט געפירט אַ קינד אַן אייגנס צו דער חופּה.

איז ווער מיר שלאָפן, וואָס מיר עסן,
אַז עס פעלן אים גאָר אויס איצט
כאָטש אַ צוויי צי דריי מעת-לעתן
צו אַ יעדערן מעת־לעת,
און וואו אַ שענק נאָר — איז געמאַכט אַ כוסה,
און געטרונקען אַ לחיים פאַרן גרויסן נס.

— לחיים, ישראל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן,
מערצעשעם, איבגיכן אַ נייעם פערד־און־וואָגן.
— נישקשה, נישקשה, די שקאַפע וועט נאָך ציען, —
גיט ישראל אויף דער פּלייצע אַ גוט־ברודערישן טראַך.
אַך, ווי ליב עס איז אַצינד דאָס מיען,
אַך — ווי אַנדערש ס'אַרבעט זיך גאָר פאַר דער מאַכט.

www.libtool.com.cn

33

ס'האָבן אידן זיך געוואונדערט,
ס'האָבן אידן זיך געחידושט:
וואָס־זשע שטייט נאָך אַלץ אינמיטן מאַרק דאָרט דער בעלעמער,
אַז פאַלטשוקן עסן דאָך די ווערים שוין אין קבר.
— אפשר, — האָט אַ איד אַ לץ אַ קנייטש געטאָן די ברעמען,
— האָט די מאַכט געשטעלט אים דאָ אַ הילצערנע מצבה?

נאָר אין אַ טאָג אַ שיינעם איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלע
אַז דאָס וויל די מאַכט גאָר איינשפּאָרן אומזיסטע האַרעוואַניע,
ווייל גאָר איינגיכן וועלן פּאַרקומען אין שטעטל נייע וואַלן,
און אַז טאַקע דאָ אינמיטן מאַרק וועט מען דערעפענען די קאַמפּאַניע.

האָט מען געקייעט די בערד און מ'האָט געלערנט פּשט:
דאָרטן וואו דאָס פאָלק נעמט איבער
דערוויילט דאָס פאָלק אַ נייעם מאַגיסטראַט,
ווי אין פסוק שטייט, אין דער קאָנסטיטוציע וואָס סטאַלין האָט געגעבן.
אַז שטימען מעג איעדער פון אכטצן און אַריבער.
און אַכטצן איז דאָך חי
און חי איז דאָך צום לעבן,
איז לחיים אידן און זאָל דער אויבערשטער געבן
ישועות און נחמות אויף אידן.
און ס'האָט אין שטעטל אָנגעהויבן קאָכן,
און ס'האָט אין שטעטל אָנגעהויבן זידן.

נאָר גיי און זעץ זיך וואַרטן מיט פאַרלייגטע הענט
ביז מ'עט אָנהייבן די וואַלן מיט פויק און מיט טראָמפּייט,
אַז די דלאָניעס בייסן און דער מוח ברענט,
וואָס־זשע וועט מען דאָ אומזיסט פאַרלירן צייט?

נישקשה, ס'וועט די מאַכט ניט האָבן קיין פּאַריבל,
און זי וועט עס ניט באַטראַכטן פאַר חלילה קיין פאַררעט,
וואָס סיי אינעם בית־מדרש און סיי אין חסידים־שטיבל
וועט מען אָנהייבן די וואַלן תיכף־ומיד.

www.libtool.com.cn

די ברילן אַרויף, די ברילן אַראָפּ,
די ברילן העט-העט אויפן שטערן,
— אַנו, זייט־זשעט מוחל, רוקט זיך נאָר אָפּ —
לאָזט יענעם אויך עפּעס הערן.

— אָט שטעל איך אייך איין כך-וכך אין אַ געוועט,
און ווער עס וויל זאָל קומען מיר אַנטקעגן,
אַז שלמה ראַזמאַרין וועט זיין דער פאַרזיצער פון שטאָטישן סאָוועט,
און נאָך דערצו דער דעפּוטאַט פון גאַנצן געגנט.

— פון וואַנען איז געדרינגען,
— און וואָס איז די ראיה,
— ווייל עס לייגט זיך אויפן שכל,
— און דער שכל איז מתחיב,
— אי אַ באָלשעוויק, און אי אַן אַדוואָקאַט —
— ממילא איז ער ראוי צו זיין אַ דעפּוטאַט.

— אָט דאָ, זאָלט איר מיר מוחל זיין, רעדט איר שוין סתם,
און דערויף בין איך זיך גרייט צו וועטן,
ווייל אין ערגעץ אַ שטאָט אין ביראָ־בידזשאַן —
כ'האָב עס אַליין געלייענט אין די גאַזעטן —
איז אַ דינסטמויד אַ גאַנצער יאַטיבעדאַם,
אַ גאַנצער גדול־בעסאָוועטן.

אַזוי ט'מען זיך געאַמפּערט, אַזוי האָט מען גערעדט,
אַזוי האָט מען געלערנט פּשט,
און יעדן טאָג האָט מען „דערוויילט" אַ נייעם שטאָטישן סאָוועט,
און יעדן טאָג האָט מען דערוויילט אַ נייעם דעפּוטאַט.

ביז געקומען איז דער טאָג פון דער קאַמפּאַניע.
געווען איז דאָס אַ טאָג אינמיטן וואָך.
האָט מען אָוועקגעלייגט די מי, די האַרעוואַניע,
האָט מען זיך אויסגעטאָן פון וואָכעדיקן יאָך.

www.libtool.com.cn

מ׳האָט געפּוצט די פענצטער, מ׳האָט געביגלט און געפּרעסט,
אין אַ פּראָסטן מיטוואָך ט׳מען געשקראָבעט די פּאָדלאָגעס,
טאָקע נאָר ווי ערב יום־טוב, טאָקע נאָר ווי ערב-געסט —
האָבן מיידלעך זיך געוואָשן און געצוואָגן.

און מיט חשק געפלאָכטן זיך די צעפּ,
און דאָס הארץ האָט יום־טובדיק געפלאָטערט,
און ס׳האָבן יום-טובדיק געזאָטן די קאַרטאָפליעס אין די טעפּ,
און מ׳האָט אויף גיך די וועטשערע אָפּגעפּטרט.

מיט אומרו פון דערוואַרטונג האָט געפיבערט דער פאַרנאַכט,
און דער הימל האָט געפיבערט מיט אַ זונפאַרפאַנג אין פלאַמען.
איין קלייניקייט ! די ערשטע וואַל־קאָמפּאַניע מיט דער בייער מאַכט—
מען טאָר היינט אויף קיין רגע ניט פאַרזאַמען.

און טאַטעס האָבן מיטגעפירט די אינגלעך באַ די הענט,
פון הינטן זיינען מיידלעך מיט די מאַמעס נאָכגעגאַן.
פאָנען אויף די דעכער, לאָזונגען אויף ווענט —
יום־טוב אין געמיט, אין אַ יעדן שפּאַן.

פון די דערפער זיינען אָנגעקומען פּויערים,
מיט האַרמאָשקעס אין די מיילער, מיט אַ טענצלדיקן גאַנג.
מ׳האָט ניט געפירט היינט צום יאַריד קיין סחורה,
מ׳האָט געפירט דעם יום־טוב מיט געזאַנג.

און ס׳האָט דאָס דערפל אויסגעמישט זיך מיטן שטעטל,
ווי מחותנים אויף אַ חתונה פון נאָענט און פון ווייט,
און געפילט האָט זיך איעדער ווי אַ גאַסט וואָס איז געבעטן,
און ס׳איז קיינער ניט געשטאַנען אַ פאַרשעמטער אַן אַ זייט.

און ס׳האָט דער רויט־אַרמייערשער אָרקעסטער
אַ זעץ־געטאָן: — „שטייט אויף איר אַלע״, —
האָט דער מאַרק זיך אויפגעשטעלט פון קלענסטן ביזן גרעסטן,
און מ׳האָט דערעפנט די קאָמפּאַניע פון די וואַלן.

www.libtool.com.cn

פאַר דער שטאָט גערעדט האָט שלמה די פּאַרטיי,
און פאַרן דאָרף גערעדט האָט סטאַשעק,
און ישראל האָט צום עולם אַלע ווייל זיך אויסגעדרייט,
און דערביי אַ צי־געטאָן דעם דאַשעק —

ווי איינער רעדט: אַט דאָס הייסט געדברט!
ווי איינער רעדט: אַט דאָס הייסט גערעדט!
ווי איינער רעדט: אַנו, אַדרבה,
ווער דאַרף זיין דער פאָרזיצער פון שטאָטישן סאָוועט?

און ישראל האָט געהאַט זיין קאַנדידאַט —
ווער עס זאָלן שוין ניט זיין די קאַנדידאַטן,
דאַרף שלמה זיצן אויבנאָן אין מאַגיסטראַט —
אויף צעפּיקעניש רב חיימען דעם שיינעם טאַטן.

און ווען עס האָט דער פאָרזיצער צום עולם זיך געווענדט,
אַז ווער עס וויל זאָל מעלדן זיך צום וואָרט,
איז ישראלס האַנט געווען די ערשטע צווישן הענט
וואָס האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

— חברים בירגער! — האָט זיין קול געטאָן אַ פּראַל,
ווי ס'גיט אַ פּראַל אַ דונער פאַר אַ רעגן,
און ס'האָט זיין קול געשמעקט מיט פערד, מיט האָבער און מיט שטאַל,
מיט שווערער מאַסע און מיט אונטערוועגנס.

— אַלע מאַנע יורן האָביך נאָר גערעדט צים פערד,
אויפן לושן פין אַ באַטש מיט אַ פור לייצעס,
איז ווי, מישטיינס געזוגט, קים עיך אַהער —
אַך צי גיבן אייצעס.

— אַלע מאַנע יורן האָט מעיך קהל געהאַט אינדר'ערד,
אין עיך האָב קהל געהאַט טיף־טייער,
נאָר איצטער האָט דוס טעפּעלע זיך איבערגעקערט —
אין ישראל באַלעגולע האָט שוין אויך אַ שטיקל דעה.

www.libtool.com.cn

— ווילעך אַך דו זוגן, מאַנע בירגער אין חברים,
וועך סידאַרף צי זיצן אויבנון אין מאַגיסטראַט,
דער, אַף ווּעימען קהל האָט אַראָפּגעלייגט /אַ חרם —
שלמה די פּאַרטיי — אינזער אייגענער נאַש־בראַט.

האָבן הענט זיך יובלדיק צעשאַלט,
און דורכן מאַרק האָט זיך צעדונערט אַ „וויוואַט״,
און ס׳איז געווען קלאָר פאַר יונג און אַלט,
אַז שלמה וועט שוין זיצן אויבנאָן אין מאַגיסטראַט.

www.libtool.com.cn

34

די פרייד האָט דעם אומעט פון שטעטל געטריבן,
די שפּע האָט געטריבן ווי מיט שטעקענעס די זאָרג,
אין די געוועלבן האָט מען מער ניט קיין חובות פאַרשריבן,
ווייל ס'האָט קיינער ניט געקויפט שוין מער אויף באָרג.

אַ גוט־מאָרגן איז געווען אַ גוט־מאָרגן אָן אַן אוי,
אַ גאָט־העלף איז געווען אַ גיט־עלעף אָן אַ קרעכץ,
און די בולבעס אין אַ דאָנערשטיק געשמעקט האָבן אַזוי —
ווי נאָר עפּעס אַ יום־טובדיק געקעכץ.

ווי מען ציט אַראָפּ פון פּעקאַליק אָן אַלטע זאַך,
ווי מען פּראָשעט אָפּ אַן אַלטן אויסגעקנייטשטן הוט,
אַזוי האָט מען דאָס לעבן אַרומגעפּראָשעט און באַטראַכט —
און באַשלאָסן אַז דאָס לעבן איז נאָך גוט.

און באַשלאָסן אַז ערשט איצטער וועט מען אָנהויבן אויפּסנייַ,
און ס'איז אַזויפיל צום דעריאָגן דאָך פאַראַן,
און אויב לעבן ווען עס איז, איז עס איצטער ערשט כדאַי,
ווען מ'קען אויף דר'ערד אָוועקשטעלן מיט זיכערקייט אַ שפּאַן!

אויף חלומות זייַנען אָנגעוואַקסן פליגל,
און עס האָבן די השגות זיך צעשפּאַרט,
עס האָט אַ מענטש אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל,
און ניט דערפילט זיך שפּל און גענאַרט.

עס האָט אַ מענטש אַ קוק געטאָן אויף זייַנע קינדער,
און דערזען זיך אין אַ בליענדיקן דור,
ווייל דאָס לעבן איז געוואָרן ליב אַצינדערט —
און ניט — אימירצעשעם איבער אַ יאָר.

www.libtool.com.cn

חיים דעם לאַטוטניקס שטודירט צו זיין אַ לערער,
און יונה שוסטערס זון איז שוין אַ זעלנערשער קאַדעט,
און ווער וואָלט זיך געריכט אַז קלימקאַ קוימענקערער
וועט זיין אַמאָל אַ מיטגליד אינעם שטאַטישן סאָוועט.

דער הויפּט פון שטאָט־סאָוועט איז — שלמה די פּאַרטיי —
און סטאַשעק איז דער דעפּוטאַט פון געגנט,
און ישראלן טוט הנאה וואָס עס ריפּעט דאָרט די פּני —
הלמאַי מ׳דאַרף בא זיי גאָר וועגן אַלצדינג פרעגן.

הלמאַי אַט דעם, וואָס מ׳האָט געלייגט אַמאָל אין חרם,
געמאַכט האָט מען אַצינד גאָר פאַר אַ גאַנצן ראָש־הקהל —
גיבן זיי אַ שטעכעלע: וואָס מאַכן עפּעס די חברים —
ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי דו, פּאַניע ישראל?

— דו ביזט דאָך עפּעס אויסגעקניפּט מיט אַלע דעפּוטאַטן,
אַ גאַנצער שמעלקע מיט דער מאַכט, אַז אָך־און־וויי,
— אַ רוח אין אייער טאַטנס־טאַטנס־טאַטן!
דרייט ישראל אויס דעם קאָפּ און טוט אַ שפּיי.

געוועזן זיינען געציילטע בלויז אין שטעטל
וואָס האָבן מיט די נעז געדרייט און האָבן זיך געבריקעט.
— אייסעך וואָס — ס׳טויגן אויף כפּרות די סאָוועטן,
אַז די גאַנצע מעשה ז׳גאָר פאַרטראַכט פון באָלשעוויקעס.

זיי האָבן געכיילעוועט און אונטערגעשטעלט פּיסלעך
דער נייער מאַכט, דעם שטאַטישן סאָוועט.
גערעדט האָט מען אינדרויסן זייער זיסלעך,
נאָר אין האַרץ האָט מען געטראָגן אַ סטילעט.

האָט די מאַכט גערעדט צו זיי מיט אָפענע דיבורים,
ווי עס רעדט די מאַכט פון די סאָוועטן:
— איר דאַרפט זיך ניט פאַרשטעלן, ס׳איז דאָס לעבן ניט קיין פּורים,
דאָס לעבן איז אַזוי־אַ ווי איר זעט עס.

www.libtool.com.cn

— דאָס שטיקל ברויט באַדאַרף מען ערלעך דאָ פאַרדינען,
ווייל אַוועק איז שוין אויף אייביק די שאַכער־מאַכער־צייט,
און ווער עס וויל צוזאַמען מיט אונז דאָס גליק ניט שפּינען —
קאָן זיך גיין געזונטערהייט.

האָבן אייגעפּאַקט די בעבעכעס אַ צוויי־דריי ספּעקולאַנטן,
און אַ צוויי־דריי סוחרים זיינען מיטגעגאַן מיט זיי,
און ישראל האָט באַגלייט זיי מיט זיין וואויל־באַקאַנטן —
— אַ רוח אין טאַטנס־טאַטן און אַ שפּיי.

און טעג זיינען געקומען, און טעג זיינען אַוועק,
ווי ליבע געסט מיט וועלכע ס׳איז זיך שווער צו שיידן,
און נעכט זיינען געקומען —
ווי שכנים נאָענטע צו גאַסט.
מ׳האָט געהאַט אַזוי פיל צו דערציילן זיך אין פריידן,
מ׳האָט געקוויקט זיך מיטן לעבן —
ווי אין תמוז מיט אַ קאַלטן ביסל קוואַס.

www.libtool.com.cn

36

יוני 22, 1941.
פאַרטאָג.
ראַדיאָ מאָסקווע.
מאָלאָטאָוו רעדט צום לאַנד:
— בירגער!
דער נאַצי-מאָנסטער איז באַפאַלן
דעם סאָוועטישן גיגאַנט.

דער קאָפּ האָט אויף דער ברוסט געטאָן אַ פאַל,
ווי אַ ציגל וואָלט אַ טשמעל געטאָן ס'געניק,
דאָס האַרץ האָט זיך פאַר ווייטיק געגעבן אַ צעפּראַל,
און איינגעשרומפּן אינעם זעלבן אויגנבליק.

— דער תליון וויל אַ פעטליע פאַרצי'ן אויף אונדזער גליק.
— דעם צוואַנציקסטן יאַרהונדערט וויל ער טרייבן אויף צוריק.

דאָס פּנים בלייך, די אויגן ווי פאַראַליזט,
דאָס בלוט ווי איינגעגליווערט אינעם אָדערן־געפעס,
אויפן קערפּער זיינען אומגעלאָפן מייז,
ווי זאַמד פון צווישן פינגער גערונען האָט דער נס.

אַ טרער האָט זיך געקייקלט באַק־אַראָפּ און אַ פאַל,
די לופט האָט דעם האַלדז געוואָרגן ווי אַ שטריק,
דאָס האַרץ האָט זיך פאַר ווייטיק געגעבן אַ צעפּראַל,
און איינגעשרומפּן אינעם זעלבן אויגנבליק.

— דער רויבער וויל דעם וואונדער צעשטעכן מיט אַ שפּיז.
— דער מאָנסטער וויל דאָס לעבן צעמאָלן מיט אַ טאַנק.
— ער האָט זיך איצט פאַרטשעפּעט מיטן שטאַרקסטן ריז.
— אונדזער מוט איז שטאָל, אונדזער שווערד געצויגן בלאַנק.

www.libtool.com.cn

37

עס האָט דאָס בלוט אַ שטראָם געטאָן פון פיס־פינגער צום שאַרבן,
און מיט גבורה אָנגעשטאָלט דעם קאַרק,
יאָ, ווער עס וויל קיין שקלאַפן־טויט ניט שטאַרבן —
דער איז שטאַרק.

עס האָבן הענט אין פויסטן זיך פאַרקלעמט,
עס האָט די פאַרב זיך קריק געשטעלט אויף בלייכע באַקן:
— קומט אַהער, איר בעסטיעס, און נעמט —
מיר וועלן אייך צעברעכן האַלדז־און־נאַקן!

עס האָט אַ שנאה זיך צעפלאַקערט אין די אויגן:
— טויט דעם פיינט!
עס האָט דאָס האַרץ אויף זיך אַ פאָן אַרויפגעצויגן:
— טויט דעם פיינט!

ביזן לעצטן אָטעם־צי זיך געבן,
ביזן לעצטן וויטיקדיקן אויסגעשריי.
ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון לעבן
ווייסט פאַרוואָס ס'איז שטאַרבן אויך כדאַי.

אַלטע מאַמעס האָבן זין געבראַכט צו פירן,
און טאַטעס האָבן זיך אַליין געבראַכט,
און באָבעס האָבן אויסגעגראָבן ס'אַלטע ביסל צירונג
און געבראַכט עס אַ צושטייער צו דער שלאַכט.

www.libtool.com.cn

38

האָט סטאַלין גערעדט,
און דאָס פאָלק האָט געהערט,
און זיין וואָרט איז געוואָרן אַ הייליק געבאָט:
— אויף פּוסטער, אויף וויסטער, אויף חרובער ערד
זאָל פאַלן דעם שונאס פאַרניכטנדער טראָט!

— קיין איינציקע קו און קיין איינציקער פערד,
קיין קערנדל ווייץ און קיין גרעזעלע גראָז
זאָל אַריין אין דעם שונאס פאַרבלוטיקטע הענט —
דעם שייער, דעם שטאָל, דעם גאַנצן קאָלכאָז —
פאַרברענט!

— אויף גליאיקן זשאַר, אויף בראַנדיקער ערד
זאָל פאַלן דעם שונאס פאַרניכטנדער טראָט,
האָט סטאַלין גערעדט און דאָס פאָלק האָט געהערט,
און זיין וואָרט איז געוואָרן אַ הייליק געבאָט.

מיט אַ קול וואָס איז האַרץ,
מיט אַ שטים וואָס איז שטאָל,
האָט סטאַלין גערעדט צו די בירגער פון לאַנד,
און געהערט האָט דער מענטש, און דער באַרג, און דער טאָל,
און געהערט האָט דער וואַלד, און דער טייך, און דער פעלדז,
און געהערט האָט דער גאַנצער פאַרבאַנד:

— דער פראָנט איז ניט בלויז אין דער פאָדערשטער ריי,
ביי דעם טאַנק, ביים קאַנאָן, ביים האַרמאַט.
יעדעס פיצעלע ערד איז אַצינד אַ טראַנשיי,
יעדער מאַן, יעדע פרוי — אַ סאָלדאַט.

— נאָך פלינקער פון הירש
זאָל איצט ווערן דיין שפּאַן —
פּאַרטיזאַן!

www.libtool.com.cn

— אונטער צודעק פון נאַכט
אינעם וואַלדס לאַבירינט —
פאַרשווינד !
— ביים ליכט פון דער ליבע צום אייגענעם לאַנד,
ביים שיין פון דער גליאיקער שנאה צום פיינט,
פאַרוועב זיך אין וואַלדיקן שאָטן־געוואַנט !
ווער שטום ווי דער בוים —
ווי דער פעלז ווער פאַרשטיינט !

— אינגאַנצן ווער אויג !
אינגאַנצן ווער אויער !
אינגאַנצן ווער חוש וואָס קאָן שפּירן געפאַר !
ווי אַ יעגער אין וואַלד ליג פאַרטייעט און לויער !
מעסט אויס יעדן ריר, יעדן קער, יעדן שאָר !

— און פלוצלינג ! פון הינטן אַרום —
טו אַ קנאַל !
אַ באַפאַל !
אַ צעשטעך !
אַ צעברעך !
אַ צעצינד ! —
און פאַרשווינד !

— אַ קבר זאָל ווערן איעדער שפּאַן ערד
פאַרן שונא וואָס וואַגט דאָרט צו שטעלן זיין טראָט !
האָט סטאַלין געזעדט,
און דאָס פאָלק האָט געהערט,
און זיין וואָרט איז געוואָרן אַ הייליק געבאָט.

מיט אַ קול וואָס איז האַרץ,
מיט אַ שטים וואָס איז שטאָל,
האָט סטאַלין גערעדט צו די בירגער פון לאַנד.
און געהערט האָט דער מענטש, און דער באַרג, און דער טאָל,
און געהערט האָט דער וואַלד, און דער טייך, און דער פעלדז,
און געהערט האָט דער גאַנצער פאַרבאַנד.

www.libtool.com.cn

39

האָט ישׂראל זיך געזעגנט מיט זיין וואָגן,
און צום פערד האָט ער געזאָגט אַזוי:
— אַ פערד באַדאַרף אַ בייטש,
אַ הונט באַדאַרף אַ שטעקן,
און היטלער, להבדיל, און ימח-שמו,
באַדאַרף ישׂראלס פויסט אין מאָרדע,
נישקשה, שקאָפּעניו,
ער וועט באַ אינז קאָן האָניק שוין ניט לעקן,
נישט ער, אין נישט זאָן וויסטע האָרדע.

— מיר ווערן איצטער ביידע פּאַרטיזאַנען.
ביז אַהער האָסטו געשלעפּט אַן אַלטן וואוגן,
אַציד וועסטו זיך טרוגן ווי עס טרוגט זיך אַן אולאַנער.
דאָס פערדל האָט אים אָנגעקוקט, ווי עס וואָלט וועלן זאָגן:
— פאַרשטאַנען.

www.libtool.com.cn

## 40

נאַכט.
דער וואַלד איז פאַרטייעט אין לויער.
יעדער בוים — אַן אויג,
יעדער צווייג — אַן אויער,
יעדער שאָרך — פאַרדאַכט.
דער גאַנצער אַרום —
שטום.

פאַרטיזאַנען רוען נאָך אַ שלאַכט.
צו די ביימער זיינען צוגעבונדן פערד.
די לבנה גייט דאָ אויף שפּיץ־פינגער אום
און ציילט די פאַרטיזאַנען אויף דער ערד.

זי רוט זיך אָפּ א ווײַלע אויף אַ שאָטן
און טוט אַ שמייכל צו אַ וואַלדיקן געוויקס.
זי צערטלט און זי גלעט די פּולעמיאָטן
און קוקט אַרײַן אין לופע פון אַ ביקס.

ווי אַ מאַמע וואָס שטייט אויף איבמיטן נאַכט
צו זען צי די אַלע קינדער ליגן שוין אין בעט
און צי די טיר איז טאַקע גוט פאַרמאַכט,
אַזוי גייט אום דאָ די לבנה און זי גלעט
די פּולעמיאָטן, די ביקסן און די פערד,
און טרייבט דעם שלאָף אָפּ פון דער מידער וואָך,
און דרימלט איין מיט מידע פאַרטיזאַנען אויף דער ערד.

מ. א. סול

www.libtool.com.cn

אין אביידל מיט א גרינעם צווייגן־דאך
זיצט דער גענעראל־שטאב —
דער קאָמאַנדיר ישראל פּאַרטיזאַן.
ער האַלט אין האַנט זיין זשאַווערדיקע באָרד,
ווי ער וואָלט זיך מיט דער באָרד אַן עצה האַלטן:
— אַרומרינגלען דעם שונא ווי מען שאַרט זיך בא אַ וואַנט,
צי אפשר ווי אַ קלין אים אויף דער העלפט צעשפּאַלטן.

די לבנה שאַרט זיך נאָענט צום ביידל צו,
ווי זי וואָלט וועלן אים דערמאָנען:
— שוין צייט, ישראל, פאַרגיבען זיך אביסל רו —
עס רוען דאָך שוין אלע פּאַרטיזאַנען.

www.libtool.com.cn

41

פלוצלינג — א גשטאַלט!
אַ רויש.
אַ טרעשטש.
אַ שאָרך.
עס האַלט דעם אָטעם איין דער וואַלד
און האָרכט.

אַ וועכטער לויפט — די ביקס פאָראויס —
דער פינגער אויפן צינגל,
די לבנה אויפן באַיאָנעט,
אַ מיידעלע — אַ קינד די גרויס.
— וואָס טוסטו, מיידעלע, אין וואַלד דאָ אַזוי שפּעט?

דאָס מיידל זאָגט עפּעס, דער וועכטער קען זי ניט פאַרשטיין,
איר קערפּער טרייסלט זיך אין קאָנוואולסיוון כליפּען.
עס וואַרפן זיך פאַר שרעק בײַ איר די ציין
און צעהאַקן יעדעס וואָרט נאָך איידער ס'קומט איר אויף די ליפּן.

דער וועכטער נעמט דאָס מיידל בײַ דער האַנט
און פירט זי אָפּ צוםביידל.
ישראל צינדט דאָס לעמפּל אָן אויף זיך —
און עס דערציילט דאָס מיידל:

— אַלע אידן ט'מען צונויפגעטריבן אין אַ שטאַל,
און דעם שטאַל וועט מען מיט נאַפט באַגיסן;
אַניט וועט מען זיי קוילען ווי די שאָף,
אַניט וועט מען זיי שיסן. —

און זי האָט זיך אַרויסגעשאַרט ווי דורך אַ נס,
און ס'האָט באַפוילן איר אַן אַלטער מאַן:
— גיכער, מיידעלע, אַנטלויף צום וואַלד,
און זיי מודיעה דעם ישראל פּאַרטיזאַן.

www.libtool.com.cn

42

ישראל האָט געגעבן די קאָמאַנדע.
דער וואַלד האָט זיך געוועקט.
עס שטייט שוין אויף די פיס די גאַנצע באַנדע.
אין קעשענעס גראַנאַטן, אין פּאַסיקעס די העק.
די ביקסן אויף די אַקסל, אויף אַ פערד אַ פּוליעמיאָט,
און מען לאָזט זיך גלייך צום שטעטל
מיט פאַרשטילטן טראָט.

שטיל דער שפּאַן און שטיל דער אָטעם,
מען דערוואָרגט אין זיך אַ הוסט.
ס'ליגט געפאַר אויף יעדן שאָטן,
ס'לויערט טויט אין יעדן קוסט.

מען קומט צום ראַנד פון שטעטל צו —
צום סאַמע ברעג.
ישראל טיילט אויף דרייען אין דעם וועג:
— איר אַהין — און איר אַהער,
און איר מיט מיר צום מיט פון שטאָט,
ביט גיט קיין שאָס — האַלט שטום ס'געווער,
ביז וואַנען כ'וועל די בעסטיעס
פאַרנאַרן נאָענט צים פּולעמייאָט.
און ווען איך גיב אייך דעם סיגנאַל —
איז, איר אַהין — און איר אַהער,
און איר — אַוועק צים שטאַל!

www.libtool.com.cn

43

הייזער זיינען בלינד, גאַסן זיינען שטום,
בלויז דער מלאך־המות דרייט זיך דאָ אַרום . . .
בלויז דער מלאך-המות פּאַטרולירט דאָס שטעטל.
מיט מאָרד־לוסט אין די אויגן, מיט מאָרד אויף באַיאָנעטן,
מיט מאָרד אין יעדן שפּאַן, מיט מאָרד אין יעדן בליק.
דערזעט ער וואו אַ האַלדז — דערזעט ער גלייך א שטריק.
דערזעט ער נאָר א שאָטן — איז גלייך צום רעוואָלווער,
בלויז מיט ווײ-געשרייען דערקוויקט זיך זיין געהער.

הייזער זיינען בלינד — גאסן זיינען שטום —
בראַווע פּאַרטיזאַנען רינגלען זיי אַרום.
ישראל שאַרט זיך צו און מיט דער פויסט אַ טשמעל.
אַ וועכטער פאַלט אַנידער ווי אַ זעקל מעל.
איינציקווייז צעלייגט ער אויף דער ערד די וואַך.
דערנאָך דערלאַנגט ער לשון אויף פּולעמיאָטן־שפּראַך.

www.libtool.com.cn

נאַכט.
דער וואַלד איז איינגעהילט אין לויער.
יעדער בוים — אַן אויג.
יעדער צווייג — אַן אויער.
יעדער שאָרך — פאַרדאַכט.
דער גאַנצער ארום —
שטום.

פאַרטיזאַנען רוען נאָך א שלאַכט.
צו דיביימער זיינען צוגעבונדן פערד,
די לבנה גייט דאָ אויף שפּיץ־פינגער אום
און ציילט די פאַרטיזאַנען אויף דער ערד,
ווי זי וואָלט אונטערציען דעם סך־הכל פון דער שלאַכט:

די פאַרטיזאַנען זיינען אַלע דאָ.
מיט איין פּולעמיאָט איז מען אוועק,
זעקס האָט מען צוריקגעבראַכט.
הונדערט נאַציס טויט — א סך פאַרוואונדעט.
אידן געראַטעוועט — עטלעכע הונדערט.

www.libtool.com.cn

44

ישראל האָט מיט שווערן טראָט אריינגעשפאנט אין ביידל,
און געטראָפן די לבנה, און דאָס צוועלף יעריק מיידל.
דאָס מיידל אויף א קאָלדע, אויפן דיל,
די לבנה בא דער זייט.
ער האָט אויף גיך זיין טראָט פארשטילט,
און ווי אן אייגענער טאטע זיך דערפרייט. —
— עס שלאָפט דאָס קינד.

ער האָט אראָפגעלאָזט זיך אויף די קני,
און באם לבנה־שיין זי אָנגעקוקט אויפסניי.
זי ווייסט נאָך ניט, האָט ער געטראכט בא זיך,
אז פארטיזאנען האָבן טאטע-מאמע שוין באפרייט.

ער האָט מיט ליבשאפט, ווי א מאמע, איינגעדעקט דאָס מיידל,
און איז ארויס זיך צולייגן אינדרויסן לעבן ביידל.
ער האָט אויף דר'ערד זיך אויסגעצויגן,
און מיט געדאנקען אָפגעטריבן פון זיין מידן גוף דעם שלאָף.
ער האָט געוואָלט ארייננעמען דעם גאנצן וואלד אין זיינע אויגן,
און ניט געקאָנט דערזען פון וואלד דעם סוף.

ער האָט די ביימער ווי סאָלדאַטן אויסגעשטעלט אין ריי,
און אָט האָט ער געמאכט פון אַלע ביימער פאַרטיזאַנען.
— פאַראַן, האָט ער געטראכט, פאַראַן אַ סך פון זיי,
פון די שלמהס און די סטאשעקס און סטעפאַנעס.

און ער אַליין האָט ניט געוואוסט
ווי וויט ער האָט פון וואלד שוין אָפגעשפאַנט;
אז אין שטעט און שטעטלעך פון נאָענט און פון וויט,
אז אין געטאָס, און אין תפיסות,
וואו טויט און לעבן הויזן זאַלבאַנאַנד,
איז זיין נאָמען ווי א האָפענונג אויפגעגאַן —
ישראל פאַרטיזאַן.

און ער אַליין האָט ניט געוואוסט,
וויפל הערצער טויזנטער,
וויפל הערצער פאַרטיזאַנער
עס שלאָגן אין זיין ברוסט.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# איך שרייב דיר אַ בריוועלע, פּידאַיעץ און אַנדערע לידער

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# איך שרייב צו דיר אַ בריוועלע, פידאַיעץ *)

1

איך שרייב צו דיר אַ בריוועלע, פידאַיעץ,
און שרייבן שרייב איך דיר אַזוי:
אַוועק פון דיר בין איך אין מיינע קינדער־יאָרן,
נאָר דו האָסט מיטגעגעבן אַ מתנה מיין זכרון: —
אַ וואָרט אזא אַ קליינס — און דאָס וואָרט איז: אוי.

און — אוי— האָסטו געגעבן מיט אַ ברייטער האנט, פידאַיעץ,
מיר, מיין טאַטע־מאַמע און דעם גאַנצן הויז־געזינד,
דאָס שטיקל ברויט האָסטו געמאָסטן און געוואויגן,
האָסט זיך חלילה ניט פאַרשעמט פאַר מיינע הייסע טרערן
אין די קינדערישע אויגן —
דערפאַר געדענק איך דיך אַזוי אַצינד.

עס האָט דער טאָג געמעגט זיין כמורנע און פאַרכמאַרעט,
עס האָט דער טאָג געמעגט זיין ליכטיק און דער הימל בלוי;
גרויער הימל, בלויער הימל,
דיר, פידאַיעץ, האָט זיך שטענדיק צוגעפּאַסט צום רימל: —
אַ קוק צו טאָן, אַ קרעכץ צו טאָן, און אַ זיפץ צו טאָן: אוי!

די באָבע מיינע האָט געדעכעט און געפּעכעט
און פון הוסטן איז איר פּנים אַזש געוואָרן בלוי;
נאָר אַז דער הוסט האָט אָפּגעלאָזט אַ ווילע,
האָט זי זיך אויפן בעט אַוועקגעזעצט,
פאַרגלעט די פּאַטשיילע
און געדאַנקט דעם בורא מיט אַן—אוי!

—אוי—אינדערפרי און—אוי—אויפדערנאַכט,
—אוי—פאַרן דלות און—אוי—פאַרן שטיקעלע ברויט;
און אַז מ׳האָט אַ קינד שוין חתונה געמאַכט,
איז—אוי—געווען דער הויפּט־מחותן,
—אוי, ס׳זאָל זיין מיט מזל, אוי, ס׳זאָל זיין צום גוטן,
—אוי, ביזן לעצטן אָטעם־צי, ביזן טויט.

www.libtool.com.cn

2

פון תמיד אַן געדענק איך דיך מיט נאָדל־פאָדים אין דער האַנט,
דאָ אַ לאַטע אויף די הויזן, דאָרט אַ קנעפּל.
איצט, פידאַיעך, מעג מען דאָך דעם אמת זאָגן:
האָסט זיך געוואָשן און געוואָשן און זיך קיינמאָל ניט דערצוואָגן
צו איין לייז־לאָז קינדערישן קעפּל.

און אַז מ׳האָלט שוין ביים צוואָגן דערמאָנט זיך מיר איצט
דאָס מרחץ, דאָס אַלטע, ביים טייך.
פרייטיק בייטאָג: שוין איינגעפּאַקט דאָס העמד, שוין אָפּגעפּוצט די שיך,
דער טאַטע גייט פאָראויס — דאָס שעפּל מיטן בעזעמל טראָג איך,
און ווער איז צו מיר גלייך?

פרייטיק בייטאָג: — אַלע ווענגן פירן בלויז אין באָד אַריין אַצינד,
און דו, פידאַיעך, גייסט מיט גיכע ערב־שבתדיקע טריט,
דו גייסט פון זיך אָראָפּטובלען דעם וואָכעדיקן יאָך
און אויספּאָרען פאַר זיך איין טאָג כאָטש אין דער וואָך,
נאָר דער אוי גייט דיר נאָך, און דעם אוי נעמסטו מיט.

—אוי—אוי—אוי—אַ מחיה!
מען פּאָרעט אויס די אונטערוועש—מען פּאָרעט אויס דאָס לייב.
—אַנו—אַנו—גיסט אויף אַ שעפּעלע, רב שאַיע,
—אוי—אוי—אוי— אַט־דאָ גיט אַ רייב.
אַ פּאָכע מיטן בעזעמל — אַ פּאָר איבער דער פּלייצע,
אַ גאַנצע וואָך ביזטו: פידאַיעך.
און באַלד ווערסטו זיך פילן ווי: פאָדהייצע.

—אוי—אוי—אוי—אַ מחיה!
אַפילו דאָ, פידאַיעך,
טרעט אָפּ דער אָרעמאַן די באַנק פאַרן רייכן,
כאָטש אַלע גייען אָדם־נאַקעט דאָ,
סיי אָרעם און סיי רייך.
אַ באָרד מיט אַ באָרד קאָן אַמאָל זיך נאָך פאַרגלייכן,
נאָר אַן —אוי־צו אַן— אוי—איז ניט אַלעמאָל גלייך.

www.libtool.com.cn

ביי ווען עס איז: — אוי—אוי—אוי—אַ מחיה,
(עס וואָרט דאָרט אין דער היים אויף מיר דאָס ווייב די אשת חיל,
צוויי שטראַלנדיקע חלות ליגן גרייט שוין אויפן טיש
און אונטער אַ סערוועטקעלע דער טעלער מיט די פיש)
— אַנו, אַנו — גיסט אויף אַ שעפּעלע, רב שאַיע,
(און היינט די רויגן,
און טאַקע באַלד דאָס ביסל היבער-יויך — פול מיט אויגן,
און לאָקשן לרוב,
געמאַכט אויף אייער,
און היינט דאָס זיסע שטיקעלע עוף,
דאָס ביסעלע פּאַסאַליעס און דער לאַנגער זאַפטיקער מייער)
—אוי—אוי—אוי—אַ מחיה!
(און דאָס ביסעלע מייערן־צימעס מיט גריוון,
און דאָס טעלערל קאָמפּאָט)
—אַט—אַט—אַט—דאַ־אַ מיטן בעזעמל, רב שאַיע,
—אוי—אוי—אוי—אַ מחיה!

און ביי ווען עס איז אוי—אוי—אוי—אוי—
(אַפילו שבת ליגט דער אינדערוואָכן אויף מיין טיש.
אַ גאַנצע וואָך איז הערינג יום־טוב,
און היינט איז הערינג מיינע שבתדיקע פיש.
און בלויז פאַר קידוש ווען היט מען אָפּ
פון וואָך צו וואָך דאָס ביסל וויין,
און לעבן וואָכנדיקן ברויטל
ליגט דאָס קליינע בולקעלע פאַר יוצא זיין).
—אוי—אוי—אוי—אַט־דאַ־אַ מיטן בעזעמל, רב שאַיע.

און אַז איך האָב דערזען דעם רבין מיינעם
אויף דער העכסטער באַנק,
מיט אַ ריבענדיקן האַנטוך אויפן קאָפּ —
האָט אין מיין אויער אָפּגעהילכט דער פּאַטש,
וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט,
ווען כ'האָב אַמאָל ביי מעביר סדרה זיין
ניט אַקוראַט אָוועקגעשטעלט דעם טראָפּ.

## מ. א. סול

www.libtool.com.cn

איך בין געוואָרן טרויעריק און בין געוואָרן פריילעך,
כ'האָב זיך דערמאָנט אָן חדר
און אַז מאָרגן בין איך פריי.
איך האָב געוואָלט פון הינטערוויילעכס
דערלאַנגען אים אַזוי —
אַ קניפּ אין דיך,
און זאָל ער אויך אַמאָל אַ שריי טאָן—אוי —
אַזוי ווי איך.

www.libtool.com.cn

3

און אַזוי, פּידאַיעך, ביזטו געגאַנגען
מיט דיין דורותדיקן סדר.
צו דריי יאָר—האָט דער בעלפער שוין געשלעפּט אין חדר,
צו דרייצן—בר-מצוה, צו אכטצן—אונטער חופּה־שטאַנגען,
דערנאָך איז ע ר געגאַן׳ פאָראויס —
און ז י איז אים פון הינטן נאָכגעגאַנגען.

פּסח—קניידל,
חנוכה—דריידל,
אלול—קברים,
מגילה—פּורים.
הושענא רבה—הושענות,
יום־כּפּור—טענות,
ביקסלעך—ל"ג בעומר,
פייגן—חמשה־עשר,
רבונו־של-עולם —
וואו נעמט מען פּרנסה ?

—שלום־עליכם, רב מענדל—וואו פאָרט א איד ?
—וואוהין זאָל מען פאָרן—מען פאָרט צום יאַריד.
—און איר, רב שלמה ?
—געלויבט השם־יתברך,
סי דאָך הייַנט אַ יאַריד—אַהין טאַקע פאָר איך.
—נו, זאָל דער אויבערשטער העלפן ס׳זאָל זיין מיט גליק.
אַזוי פאָרט מען אַרויס—אַזוי קומט מען צוריק.
מען שטייט אויף מיטן טאָג,
מען קומט העט בייַנאַכט,
געהאַוועט—געיאָגט,
און גאָרנישט געבראַכט.
מען פאָרט אַרויס מיט : הור־האַ,
מען קומט צוריק מיט : בע־מע.
אַ לעבן אַזאַ —
אַזאַ לעבן איז : — פע !

www.libtool.com.cn

## 4

איך וויל, פידאָיעץ, דיר איצט אַנטרויען אַ סוד
און זאָל דער סוד צעווישן אונדז דאָ בלייבן:
כ׳האָב ניט געהאַט קיין חשק מער צו שטעלן אויף דיין ערד מיין טראָט.
כ׳האָב ניט געהאַט בדעה מער אַ בריוול דיר אַפילו שרייבן.

כאָטש איך פון דיר האָב גראָד גאַנץ אַפּט געהערט.
דו האָסט געשריבן מיר דורך פּשיטיק, לעמבעריק און וואַרשע.
דו האָסט געשריבן, אַז מען האַקט די שויבן און מען רייסט די בערד,—
פּונקט ווי אין די אַלטע צייטן, אין די צאַרישע.

דו האָסט געשריבן מיר, אַז פיל פון דיינע זין
גייען אום צעבראָכענע און קראַנקע,
איינעם האָט דער הונגער אויסגעזויגן ווי אַ שפּין,
אַ צווייטן האָט פאַרפּייניקט די אַכראַנקע.

דער צאָרן האָט געטליעט אין די פויערישע כאַטעס
און פויערים האָבן רידלען, האָבן גראַבליעס, האָבן העק.
די מוטיקע פון זיי האָט מען באַהאַלטן הינטער גראַטעס,
נאָר שווער איז צו קאָוועז אין קייטן די שרעק.

די שרעק האָט געגנבעט דעם שלאָף ביי די פּאַנעס,
געגרויבט ביי די פּריצים די וואַרעמע רו.
זיי האָבן אין חלום געזען די — איוואַנעס —
וואָס קומען און נעמען דאָס גאָלד ביי זיי צו.

דאָס גאָלד פונעם ווייץ און דאָס גאָלד פונעם קאָרן,
דאָס גאָלד פון די פערד, און דאָס גאָלד פון די קי,
דאָס גאָלד פון דעם פויערס פאַרהאָרעוועטע יאָרן,
דאָס גאָלד פון זיין לעבן — זיין פּראַצע און מי.

www.libtool.com.cn

און געווען איז אַ טרייסט פאַר חלומות נערוועזע,
און געווען קעגן „רויטן געשפּענסט" איז אַ שוץ —
די שטאָלענע גראַטעס פון קאַרטוז בערעזע,
די תפיסות פון ראַדאָם, פון לוקישק און לוצק.

איך האָב זיי געהערט, די פאַרשטיקטע געשרייען,
דאָס יעמערלעך קול פון קאַשמאַריקן שלאָף,
און דאָס העלע געזאַנג פון די ערשטע מאַיען,
וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט קאַרצער־שטראָף.

כ'האָב געהערט ווי מען גייט, כ'האָב געהערט ווי מען שלאָגט,
כ'האָב געהערט פון די מערדערשע קלעפּ דעם קלונג
אויפן לייב, וואָס איז טויב שוין צום אייגענעם פּייך,
ווייל ס'האָט אַ הייליקע שבועה געגעבן די צונג,
אַז דאָס אייביקע וואָרט, וואָס דאָס מויל באַך פאַרמאָגט,
איז: ניין! — ניין! — ניין!

איך האָב שוין ניט איינמאָל אינמיטן פון שלאָף
זיך געגעבן אַ טריפּע אין שרעק —
און געהערט ווי דו שרייסט, און געהערט ווי דו רופסט:
— אָ, ראַטעוועט, ברידער! מען קוילעט ווי שאָף
— מען גייט מיט די מעסערס! מען גייט מיט די העק!

דאָס האַרץ האָט געזעצט ווי דער זייגער ביים בעט:
אַ פּאָגראָם — אַ פּאָגראָם — אַ פּאָגראָם, — אַ פּאָגראָם —
דו האָסט זיך געמישט צווישן שטעטלעך און שטעט.
דער קאָפּ איז געגאַן' כאַדאַראָם.

www.libtool.com.cn

5

איצטער, פידאַיעץ, דערציילסטו עס שוין
אין פריידן מיט פריידיקע טרערן —
און כ׳וועל ניט מיד צו לייענען דיינע בריוו,
און כ׳וועל ניט מיד פון דיר צו הערן.

דו שרייבסט —
— אַז געשען איז אַ וואונדער.
— ווען דאָס לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר.
— ווען די רויטע אַרמיי פאַרשפּעטיקט חלילה איין שטונדע,
— וואָלט ווייסט ווער פון אונדז וואָלט געבליבן —
— ס׳יז ממש אַ נס אויף דער וואָר!

— מיר האָבן זיך געשראָקן די שוועל אַריבערטרעטן
— און זיי האָבן געשלעפּט שוין דאָס בלוטיקע געצייג.
— און פּלוצלינג — עס מאַרשירן אַריין די סאָוועטן
און שטעלן זיי אַרויס אַ פייג.

— אידן ווילט זיך זיי קוילען
— אַ הוליע טאָן פּאַ פּאַנסקאָמו
— אַפילו איצט אין מיטן בראַנד.
— אַ רוח זאָל אַריין אין זייער פּאַנסקע פוילן!
— אַ געזונט זאָל אַריין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד!

— ס׳איז אויס מיטן אָכצן, און אויס מיטן קרעכצן,
ס׳איז אויס מיטן—ווייצימיר — און וויי־צו־מיינע־יאָר —
ס׳איז אויס מיט די טרערן, וואָס באַזאַלצן די געקעכצן.
ס׳איז אויס מיט אַזאַ לעבן, וואָס הענגט אויף אַ האָר.

www.libtool.com.cn

— אַז אין האַרצן שיינט די זון איז דער הימל סיי־ווי־בלוי,
אַפילו ווען דער הימל איז אַ טריבער.
אַודאי איז נאָך אַלץ געבליבן דער—אוי—
נאָר—אוי—ס'אַראַ'ן אוי ס'איז געבליבן!

—אוי, ס'אַראַ לעבן! אוי, ס'אַראַ גליק!
אוי, איך פיל זיך דאָך ווי ניי־געבאָרן!
אוי, האָט בערל שניידער אַ זון, איז ער אַ באָלשעוויק —
הלואי שוין אויף מיינעם געזאָגט געוואָרן!

www.libtool.com.cn

## 6

שרייב איך דיר נאָך צוויי־און־צוואַנציק יאָר אַצינד
אָט דאָס בריוועלע אין פערזן און אין גראַמען.
ווי עס שרייבט פון דערווייטנס אַן אייגן קינד
צו זיין געטרייער מאַמען.

איז—זיי געגריסט, פּידאַיִעץ,
און לאָז דאָרט גריסן פּשעמישל, און זלאָטשאָוו,און בערזשאַן,
און לאָז דאָרט גריסן מאָניסטערישטש, און סטרי, און קאָלאָמיי,
און יעדן פּיצל ערד, וואָס האָט פאַרזוכט דעם שפּאַן
פון דער באַפרייענדיקער און דערלייזנדיקער רויט־אַרמיי.

*) געשריבן אין 1940 נאָכדעם ווי די רויטע אַרמיי האָט באַ־
פרייט פּידאַיִעץ. באַס איצטיקן מאָמענט איז פּידאַיִעץ אין די הענט
פון די נאַציס.

www.libtool.com.cn

# אויפֿן האַרץ פֿון דער וועלט

איך שרייב ניט קיין ליד איצט מיט פּעדער און טינט
אויף גלאַנציקן ווייסן פּאַפּיר.
איך שרייב איצט אַ ליד מיט דעם בלוט וואָס עס רינט
אין איעטווערן אָדער אין מיר.

איך שרייב איצט אַ ליד אויף פֿאַררויכערטע ווענט
פֿון פֿלאַקערדיקע סינאַגאָגן.
איך שרייב איצט אַ ליד מיט פֿאַרחלשטע הענט,
וואָס וואַשן אין דייטשלאַנד די ראָגן.

איך שרייב איצט אַ ליד אויף דעם בלוטיקן שטיין,
וואָס צעשמעטערט פֿון קראָמען די שויבן.
איך שרייב פֿון דעם קינד, וואָס ברעכט אויס אין געוויין
ווען עס זעט ווי די פֿליגדערער רויבן.

איך שרייב פֿון דעם אַנגסט, וואָס אַ מענטשן באַפֿאַלט,
ווען ער זעט שוין דעם טויט פֿאַר די אויגן.
איך שרייב מיט דעם זעלבסט־מאָרד־שטריק אויפֿן האַלדז —
וואָס מיין ברודער אויף זיך האָט פֿאַרצויגן!

איך שרייב איצט אַ ליד אויפֿן האַרץ פֿון דער וועלט
מיטן בלוט פֿון מיין פֿאָלק דעם געיאָגטן:
ס'האָט דעם צענטן באַוועמבער די זון ניט געהעלט
און עס האָט יענע נאַכט ניט געטאָגט שוין.

צוויי פֿינצטערע טעג און צוויי בלוטיקע נעכט—
עס וועט זיי די צייט ניט פֿאַרשווענקען.
ס'איז נאָך וואַרעם דאָס מעסער פֿון תליון, וואָס שעכט!
נאָך הוליעט אין וואַנזין דער הענקער!

www.libtool.com.cn

אין פינצטערע טעג און אין גרויליקע נעכט —
ווּעמעס קאָפּ קען איצט רוען אויף קישן!
ס'איז איצט ניט גענוג בלויז צו געבן אַ קרעכץ,
ניט גענוג בלויז אַ טרער אָפּצעווישן.

אַ ברידער און שוועסטער פון איגענעם שטאַם —
דורך יאָרן און דורות צעריסן —
עס מוז אונדזער וואָרט איצט ווערן אַ פלאַם,
וואָס זאָל צינדן דער מענטשהייטס געוויסן.

נאָוועמבער, 1938

www.libtool.com.cn

## „איך בין אַ איד"

היטלעס נייעסטע גזירה: ווען אַ איד ווענדט זיך צו אַ נאַצי,
מוזן זיינע ערשטע ווערטער זיין: „איך בין אַ איד".

— איך בין אַ איד.
און ער, דאָס איז מיין אַלטער טאַטע,
אַט האָסטו אויף דער פּלייצע מיין פּאַספּאָרט:
די געלע לאַטע.

— איך בין אַ איד.
דאָס איז מיין נאָמען, מיין יחוס און מיין שטאַנד.
באַשעפטיקונג: אַנטלויפן פונעם טויט.
אַדרעס: אין קיינעמס־לאַנד.
— איך בין אַ איד.
און אַט דאָס קינד —
מיין ווייב האָט עס אין קיינעמס־לאַנד געבוירן.

— איך בין אַ איד.
דערקענסט מיך ניט אַצינד?
ערשט נעכטן האָסטו דאָך די באָרד מיר אָפּגעשוירן.
— איך בין אַ איד.
אַן אַנלען פאַר מיין טאַטן — פאַר מיין קינד אַן אַם.
מיין ווייב?
זי לויפט אַרום איבער די גאַסן מן הסתם.
אירע אויגן רעדן אויף שגעון־שפּראַך,
און דער קאָפּ פאַרשטייט ניט וואָס עס זאָגט דאָס מויל.
פאַסירט האָט עס אין יענער ווינטער נאַכט,
ווען דו האָסט זי פון בעט אַרויסגעשלעפּט
און דורך דער שטאָט געטריבן נאַקעט־הויל.

www.libtool.com.cn

— איך בין א איד.
און דו — א ברוינער הענקער!
און ניט דערפאר בלויז, וואס דיין העמד איז ברוין —
וועל איך אויף אייביק דיך געדענקען.

דער ערשטער, זאגט מען, איז געוועזן המן,
און ווער געדענקט אצינד זיין העמדס קאליר?
גענוג איז איצט דערמאנען בלויז זיין נאמען
און מען דערמאנט זיך גלייך אין דיר.

— איך בין א איד.
און איבער גאר דער וועלט איז א צעזייטע מיין משפחה:
איך האב צוויי ברידער — איינער א גביר,
דער צווייטער איז א פראסטער בעל־מלאכה.

איינער שפארט אפ צייט א קרעכץ צו טאן
און שטילט זיך איין מיט צדקה געבן;
דער צווייטער האט מיט בלוט געשוואוירן ביי זיין פאן —
צו ראטעווען מיין לעבן.

און וואו א טייך האט א ברעג,
און וואו א וואלד האט א וועג,
ניטא אזא שטאט און ניטא אזא לאנד,
ניטא אזא ערד וואו א מענטש האט געשפאנט,
אז מיין ברודער דער צווייטער זאל דארטן ניט זיין,
און ער האט דערהערט מיין געבעט, מיין געוויין.

— איך בין א איד.
און דו —א ברוינער הענקער.
דו הערסט דאס ליד,
דו זעסט דעם פאנען־ים?
דאס איז ער —
מיין ברודער מיט זיין ריזן־שטאם.
ער גייט אהער מיך אויסלייזן פון דיר
און ווי א מבול וועט ער דיך פארשווענקען.

www.libtool.com.cn

## זונפאַרגאַנג אויפן שלאַכטפעלד

אויפן בלויען הימל האָט אַ רויטע שקיעה זיך צעגאָסן,
העננט אַ רויטער הימל איבער שלאַכט־צעפלאַמטן פראָנט
ווי ס'וואָלט אַ קויל פון אַ קאַנאָן די זון אַדורכגעשאָסן
און עס בלוטיקט מיט דער וואונד אַצינד דער גאַנצער האָריזאָנט.

צי אפשר האָט דאָס שלאַכטפעלד ווי אַ טייך
זיך אָפּעשגפּיגלט אינעם הימלס בלוי געזיכט
און אָנשטאָט צו ווערן ווי די טויטע זעלנער בלייך
האָט דער הימל אין אַ לוזשע בלוט זיך איינגעריכט.

ניין, דאָס האָבן רויט־אַרמייער אין די ערב־טויט סעקונדן
מיטן לעצטן אָטעם־צי וואָס איז געבליבן,
מיט הייסן בלוט פון טריפנדיקע וואונדן
אויפן הימל אַ צוואה אָנגעשריבן: —

— שריי אויס אָ, הימל מיט די העלסטע פאַרבן,
רוף אויס אָ, הימל מיט דיין הייליקסטן קאָליר: —
זיי וויסן וועלט — זיי וויסן אַז מיר שטאַרבן
ניט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דיר, פאַר דיר, פאַר דיר!

www.libtool.com.cn

## אינהאַלט:


ישראל פּאַרטיזאַן — — — — — — — — — — — — 5

איך שרייב דיר אַ בריוועלע, פידאַיעץ — — — — — — — — 91

אויפן האַרץ פון דער וועלט — — — — — — — — — 101

„איך בין אַ איד" — — — — — — — — — — — — — 103

זונפאַרגאַנג אויפן שלאַכטפעלד — — — — — — — — — 105

www.libtool.com.cn

פון דעם זעלבן מחבר:

„דאָס ליכט אויף מיין גאַסט", ניו־יאָרק, 1935

„דעם טאָג אַנטקעגן", ניו־יאָרק, 1938

הילע געצייכנט פון וויליאם גראָפּער.

www.libtool.com.cn